ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

## תורת החסידים הראשונים

והוא:

### קיצור ספר חסידים

(בלשון הקודש ואידיש)

42

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ג לפ"ק

זה השער לה' צדיקים יבואו בו

ספר

# תורת החסידים הראשונים

ובו ג' ספרים של חסידים הראשונים נפתחים.

הא') הוא קיצור ספר חסידים והוא הנהגות יקרות לכל איש ישראל והוא הקיצור מהספר חסידים לרבינו יהודה החסיד זצללה"ה׳
כמבואר בשער השני

הב') הוא ספר חסידים תנינא לרבינו משה הכהן זצללה"ה בן אחותו של רבינו הרא"ש זצללה"ה ונזכר ס"ח הזה בשם הגדולים בשם ספר חסידים כת"י הזכירו הרב כנה"ג ח"מ סי' קס"ג בהגהת הטור אות כ"א
כמבואר בהשער שלו

הג') הוא ספר חסידים תחדש והוא הדרך חיים לאחד מגאוני קדמאי ומובא בתורת הקנאות להגאון יעב"ץ זצ"ל בדף ע"א. כמבואר בהשער שלו

והעתקתים על זארגאן לזכות את הרבים
הק' יהושע אלטר ווילדמאן אבד"ק קאנסקיוואליא
ולפנים אבד"ק ביליראדקי. חונה פעיה"ק ירושלים ת"ו

והוספתי בסוף הספר קטע מספר שומר אמונים בענייני צניעות ועוד.

שלום יודא גראם
מו"ל ספר אבן שלמה. גדר עולם. ואמרו אמן. טעמי המנהגים. לב טוב. נדחי ישראל. שמחת הנפש.

דפוס
אברהם יצחק פריערמאן

הרוצה להשיג הספר יפנה אל האדרעס

**RABBI S. J. GROSS**
171 TYLOR STREET
BROOKLYN, N. Y.
Telephone: 388-8812

SINAI OFFSET CO.
34 HUBERT STREET
NEW YORK 13, N Y

כ"ה

# ספר

# קיצור

# ספר חסידים

## חלק ראשון מספר תורת החסידים הראשונים

בעזה"י עשיתי קיצור ספ' החסידים אשר יסדו אחד מגאוני וחסידא תקיפא קדמאה הרב הגאון הקדוש האלקי רבי יהודה החסיד בעל התוספות זצוקללה"ה הנהגות יקרות לכל איש ישראל דברי מוסר ותוכחה לרבים שהלהיב לבן של ישראל לאהבת השי"ת ויראתו כל הימים, ובכדי שלא ילאה הקורא בו מרוב אריכות כללתי כל סימן כמעט מכל הספר בקיצור נמרץ ובלישנא קלילא להקל על המעיין ושיהי' הענין נקלט במוחו בנקל ובכל סימן ציינתי הסימן שבהס' חסידים השלם למי שירצה לעיין במקומו שם ובעזה"י יהי' זה לתועלת גדול ליראי השם ולחושבי שמו לימצא מהר את הענין המוסרי אשר יחפש בו ולגודל התועלת לזכות את הרבים העתקתי את ספרי זה על זארגאן למען יהי' יד הכל ממשמשין בו ללמוד ממנו המוסר ויראת ה' המובאים בו כקטן כגדול לכל עם קדשו בני אברהם יצחק ויעקב יהי נועם ה' עליהם.

הק' יהושע אלטר ווילדמאן אבד"ק קאנסקיוואליע מלפנים אבד"ק ביליראדקי כעת חונה פה ירושלם עיה"ק תובב"א.

בעהמ"ח ספרי עמק יהושע, בנין יהושע, ברכת יהושע, ואמרו אמן ב"ח בלאמו"ר הרב הגאון הצדיק המפורסם ר' אלימלך אבד"ק מיזאמש וצללה"ה אשר מנוחתו כבוד פה עיה"ק ירושלם תובב"א נין ונכד להאי סבא קדישא הרבי ר' אלימלך בעהמ"ח ספר נועם אלימלך ולמעלה בקודש אבותי הקדושים הרמ"א והמג"ע והתוי"ט כולם וצוקללה"ה וזכותם יגן עלינו ועכי"א

אין כדי אַנצוּטײלין דעם הײליגין פאלק ישראל מיט דעם גײסטליכען פערנענוגין אַז אלע זאלין פאַרשטײן דיא טײערע געדאַנקען פון דעם הײליגען קיצור ספר חסידים וועלכע זענען אַדערוועקינג אויף צו בלאָזין דעם יודישין פונק צו אַלע מענטשין האבין מיר דעם הײליגען ספר איבער געזעצט אויף ז'שרגאָן אַז יעדער מענטש זאל דאס פאַר שטײן לזכות את הרבים:

שנת תר"ץ לפ"ק

בעיה"ק ירושלים תובב"א

דפוס "יהודה וירושלים" מול בתי הורינשטיין

## ההסכמות כבר נדפסו בחבורי הקודמים

הנה מלכך יבא לך צדיק ונושע הוא עני ורוכב על חמור




שאי סביב עיניך וראי כלם נקבצו באו לך בניך מרחוק יבואו

# הקדמה

לדרתא עביד *), כו' ר' מימון זר' אלעזר הוו יתבי חליף ואזיל ר' יעקב בר אחא א"ל חד
לחברי' נקום מקמי' דגבר דחיל חטאין הוא א"ל אידך ניקום מקמי' דגבר בר אוריין הוא, א"ל
אמינא לך אנא דגבר דחיל חטאין הוא ואמרת לי את בר אוריין הוא כו' דא"ר יוחנן משום ר"א
אין לו להקב"ה אלא יראת שמים בלבד שנא' ועתה ישראל מה ה' שואל מעמך כי אם ליראה
וכתיב ויאמר לאדם הן יראת ה' היא חכמה שכן בלשון יוני קורין לאחת הן עכ"ל הגמרא, וכן
קיי"ל בש"ע יו"ד דתורה בלי יראה הרי כקל שבציבור בסי' רמ"ג סעי' ג' וכן איתא במד"ר תשא
פ"מ א"ר הושעי' כל מי שהוא יודע [ד"ת] ואין בידו יראת חטא אין בידו כלום וכמו ששנו
חכמים באבות פ"ג משנה י"ז דכמו דאם אין חכמה אין יראה כך אם אין יראה אין חכמה
וחזינן להדיא דהלימוד הלכות יראת שמים הוא מצוה מן התורה אפשר עוד יותר מהלכות דיני
התורה וכמפורש להדיא בהתוה"ק את ה' אלקיך תירא ואותו תעבוד והנה פירשו חז"ל בספרי
פ' עקב דהעבודה היא תורה ותפילה והנה מקודם כתיב את ה' אלקיך תירא והדר כתיב אותו
תעבוד הרי מפורש דיראת שמים היא העיקר וכמש"כ ראשית חכמה יראת ה', הנה בפירוש דלא
כהמון עם שחושבים כי יראת שמים וכן הלימוד של יראת שמים הוא רק מידת חסידות אבל
טעות גדול הוא בידם דבאמת הוא מצוה מן התורה ללמוד הלכות יראת שמים ככל הל' דיני
התוה"ק מכל הראיות ברורות שבררנו לעיל בעזה"י.

**ובכן** ראיתי להדפיס ספר הקדוש הזה תורת החסידים הראשונים אשר בו שלשה ספרי חיים
פתוחים מרבותינו הראשונים הגאונים הקדושים הצדיקים והחסידים עמודי התורה והיראה
שאספו ההלכות של יראת שמים מדברי חז"ל בספריהם הקדושים, והראשון שבהם הוא הקיצור
מספר החסידים אשר יגעתי וביררתי דרך קצרה וברורה מהספר הקדוש ספר החסידים אשר חברו חד
מן גאוני וחסידי תקיפי קדמאי הרב הגאון הקדוש האלקי רבינו יהודה החסיד בעל התוספות
זצוקללה"ח וכללתי בעזה"י ברוב יגיעה את דבריו הקדושים בקצור נמרץ ובלישנא קלילא להקל
על המעיין בדבריו הקדושים דברי מוסריו ותוכחותיו להלהיב לב ישראל לאבינו שבשמים וציינתי
בכל מקום הסימן שבספר חסידים הגדול למי שירצה לעיין בהספר חסידים עצמו.

**והשני** הוא הספר חסידים תנינא חברו חד מן גאוני קדמאי מרן רבינו משה הכהן זצוקללה"ח בן
אחותו של רבינו הרא"ש זצוקללה"ח והוא מלא מוסר ויראת ה' טהורה ומידות טובות
וישרות אשר לפידי אש יתלהטון לעורר ישנים מתרדמת הבלי הזמן והי' רובו בכולו מלא טעותים
וקמשונים ויגעתי בזה הרבה מאד כיד ה' הטובה עלי לברר בי"ג גפה להעמידהו על אמיתתו
בעזה"י והוספתי עליו הגהות וציונים ומ"מ מתנ"ך וש"ס ומדרשים ונזכר הס"ח הזה בשם
הגדולים בשם ס"ח כתב יד הזכירו הרב כנה"ג בח"מ סי' קס"ג בהגהת הטור אות כ"א.

**והשלישי** הוא הספר חסידים החדש והוא דרך חיים לחד מגאוני וחסידי קדמאי כולל דינים
והנהגות טובות וישרות ומילי דחסידותא אשר נלקט מש"ס ופוסקים וספרי מוסר
וספרי קבלה וסדרם לז' ימי השבוע לזכות בהם את הרבים לתקן נפשות ישראל לאבינו שבשמים
לשמור דרך עץ החיים ולטהר ולזכך את נשמת ישראל ומגודל צדקתו וענותנותו וגודל קדושתו
העלים את שמו, והספר הקדוש הזה מובא בס' תורת הקנאות להרב הגאון הקדוש יעב"ץ
זצוקללה"ה בדף ע"ב והוא ספר מלא חסידות ויראת שמים כאשר עיניך תחזינה מישרים.

*) הרי דהעיקר דירה בעוה"ב היא היר"ש והתורה היא הפתח ליר"ש.

# הקדמה

**ולמען** שלא יחשבו אשר באם המחבר העתק את הספרים גם על זארגון מסתמא הוא איש פשוט ואין כראי להביט בספרו ושלא יאמרו מאן האי דקיימא לי׳ שעתא ואולי לא יודע צורתא דשמעתתא ולא יהי׳ החיבור הזה יקר בעיניהם לכן הנני מרפים בתחילת הספרים פלפול נאה שאמרתי זה איזה שבועות בעיר תל אביב יפו בביהכ״נ „יבנה״ בחברה ש״ם שנתבקשתי שם על סיום מס׳ גיטין ונתכבדתי לאמר להם על סעודת הסיום הדרן על הסיום של המסכת על המשנה האחרונה ב״ש אומרים לא יגרש אדם את אשתו אא״כ מצא בה דבר ערות שנא׳ כי מצא בה ערות דבר עכ״ל המשנה והקשה הפנ״י דלב״ש למה כתבה התורה דכהן לא ישא גרושה הא בלא״ה זונה היא ואמרתי לישב בעזה״י קושית הפנ״י בפשיטות לפמש״כ הרמ״א באהע״ז סי׳ כ׳ סע״א דאשה גדולה שבא עלי׳ קטן פחות מבן ט׳ אינה חייבת מיתה וה״ה דאינה נאסרת על בעלה, כו׳ ואשה פחות מג׳ שנים אין ביאתה ביאה ובתולי׳ חוזרין ואפי׳ נתעברה השנה בתולי׳ חוזרין עכ״ל הרמ״א ז״ל ולפ״ז נתיישב שפיר קושית הפנ״י הנ״ל דשפיר משכחת לה אליבא דב״ש גרושה שמצא בה ערות דבר ואפ״ה איננה זונה כגון שבאו עדים והעידו שזינתה עם קטן שנעשה בן ט׳ שנים ויום אחד בא׳ באדר והעידו שזינתה ביום ב׳ באדר ואח״כ נתעברה השנה והיו עושין אדר שני ונמצא הי׳ אז פחות מבן ט׳ ולא היתה אז ביאתו ביאה לאוסרה על בעלה כדברי הרמ״א הנ״ל וא״כ משכחת גרושה ולא תהי׳ זונה אפי׳ אליבא דב״ש וע״ז כתבה התורה דכהן לא ישא גרושה דהיינו אפי׳ באופן זה שאיננה אסורה משום זונה אפ״ה אסורה משום גרושה וק״ל.

**ועוד** אמרתי בענין ההדרן לצרף דברי ב״ש דסוף מס׳ גיטין לדברי ב״ש במשנה ראשונה בקידושין כי בסדר המשניות היא מס׳ קידושין אחר גיטין ואמרתי בעזה״י דהשני המאמרי ב״ש לשיטתי׳ אזלי וזה הוא חחלי בעזה״י.

**בגיטין** דף צ׳ במשנה ב״ש אומרים לא יגרש אדם את אשתו אלא א״כ מצא בה דבר ערוה ויש במשנה זו קושיא עצומה דהנה בגיטין ד׳ כ׳ אמר ר׳ חסרא יכילנא לםיפםלינהו לכולי גיטי דעלמא דלית בהו שוה פרוטה משית דכתיב ונתן שיהי׳ בו שיעור נתינה דהיינו שוה פרוטה והקשה בספר המקנה דף א׳ וז״ל מיהו לכאורה קשה על רב חסרא דלדידי׳ למה לא נילף באמת בשטר קידושין מגט שיהא בו שוה פרוטה [מהג״ש דויצאה והיתה], אך בירושלמי איתא והביאה הרי״ף ז״ל דילפינן בשטר קידושין אע״פ שאין בו שו״פ דאל״ה היינו כסף, כו׳ אך אם נימא דזה הכרח אכתי תקשה על ר״ח מהא דיליף לקמן מקרא דוכתב לה דבכתובה מתגרשת ואין מתגרשת בכסף ופירש״י בעירובין ט״ז דהיינו שיתן לה הכסף שתתגרש בו, ואי בעינן בכתיבת הגט שו״פ האיך ס״ד דמתגרשת בכסף דא״כ תקשה נמי בכתיבת הגט תיפוק לי׳ דמתגרשת מדין כסף ולמה לי למעט מוכתב לה דבכתיבה מתגרשת ואינה מתגרשת בכסף הא מסילא ידעינן דאינה מתגרשת בכסף דאל״ה היינו כסף עכ״ל המקנה שם.

**ויש** לישב קושית המקנה עפ״י מה דאמרינן בקידושין ד׳ ה׳. אמר קרא ויצאה והיתה מקיש הוי׳ ליציאה מה יציאה בשטר אף הוי׳ בשטר ומקשינן ואקיש נמי יציאה להוי׳ מה הוי׳ בכסף אף יציאה בכסף ומתרצינן רבא אמר אמר קרא וכתב לה בכתיבה מתגרשת ואינה מתגרשת בכסף עכ״ל הגמ׳ וכתב שם בתוס׳ ד״ה מה הוי׳ בכסף וז״ל ולענין ביאה ליכא למימר מה הוי׳ בביאה אף יציאה בביאה שלהתרחק מסנה מגרשה, ועוד משום ערות דבר רגיל לגרש אז יש לו לפרוש עכ״ל ולפ״ז יש לישב קושית המקנה הנ״ל שהקשה דלר״ח ל״ל קרא וכתב לה דבכתיבה מתגרשת ואינה מתגרשת בכסף דהא לדידי׳ שהגט צריך להיות שו״פ מסילא ידעינן דאינה

# הקדמה

מתגרשת בכסף דאל"ה הייגו כסף, די"ל דר"ח ס"ל כחס"ד של התוס' ודרש להפסוק וכתב לה
בכתיבה מתגרשת ואינה מתגרשת בביאה. ואף דכתב התוס' סברה דאינה מתגרשת בביאה י"ל
דר"ח ס"ל דאינה סברא פשוטה כ"כ ואצטרך קרא להשמיענו הסברא כמ"ש התוס' שבועות כ"ב: ר"ח
ואב"ע. דהכא דאין הסברא פשוטה כ"כ אז צריך הפסוק לחשמיענו הסברא אך עדיין יקשה מאד
דלר"ח דס"ל שהכתוב וכתב לה נדרש בכתובה מתגרשת ואינה מתגרשת בביאה יקשה אליבא
דב"ש במתניתין דילן דלא יגרש את אשתו אא"כ מצא בה ערות דבר דל"ל קרא דוכתב לה דאליבא
דב"ש ל"ל דאינה מתגרשת בביאה דהא זונה היא ואסור לבוא עלי' והוא ודאי סברא פשוטה דאינה
מתגרשת בביאה, וא"כ קשי' לן במתניתין דידן אליבא דב"ש דל"ל קרא וכתב לה דא"א לומר אליבי'
דאינו מתגרשת בכסף דתקשה לן קושית המקנה הא היינו כסף, וגם אין לומר אליבא דב"ש דאינה
מתגרשת בביאה דל"ל קרא ע"ז הא סברה פשוטה היא מטעם איסור זונה אך יש לתרץ דב"ש לשיטתי'
דס"ל בריש קידושין דכסף קידושין צריך להיות דינר דוקא יש לומר שפיר דאליבא דב"ש
מודה ר"ח לדרשת רבא דבכתיבה מתגרשת ואינה מתגרשת בכסף דלשיטת ב"ש אין
להקשות הא היינ' כסף דהא הגט אינה שוה רק פרוטה והכסף קידושין צריך להיות דינר, והכל
גיחא בס"ד ואמרתי הדברים הללו לפני גאוני ישראל דפה ירושלים עה"ק וקלסוהו בעזה"י:
**ועוד** יראה המעיין בס' ק"ב הישר בהקדמתו שכתב שם וז"ל והעתקת הספר הזה בלשון אשכנז
כדי שידעו דעת בינה ויד כל אדם שולטין בזה הספר להבין ולהשכיל כאשר עיניך תחזינה
מישרים עכ"ל.

**ועוד** מי לנו גדול מאדונינו הצדיקים הרב הגאון הקדוש המפורסם ר' **משה טייטילבוים**
אבד"ק אוהל זצוקללה"ה שחיבר הספר מעין טהור רק על זארגאן כדי לזכות את הרבים
**וגם** עוד קדוש אחד מדבר הוא הרב הגאון הקדוש הצדיק המפורסם ר' **הלל ליכטינשטיין**
אבד"ק קאלאמאי שחיבר ספר עת לעשות ספר יקר רב הכמות ורב האיכות על זארגאן לזכות את
הרבים וקיימתי בנפשאי לקיים מצות עשה ובו תדבק כמ"ש הרמב"ם בהל' דעות פ"ו ה"ב וזלה"ק
מ"ע להדבק בחכמים ותלמידיהם כדי ללמוד ממעשיהם שנאמר ובו תדבק ולכן גם אנכי הנני הולך
בעקבותיהם של הגאונים הקדושים האלו זצוקללה"ה ולהעתיק החיבורים האלו גם על זארגאן
לזכות את הרבים בס"ד.

**והנה** הספרים שהנני מחבר לעת זקנתי אינם בנוים ע"ד חידושים בפלפולים כאשר חיברתי בימי
נעורי כי אם לקוטים מספרים של קדושי הראשונים להלהיב לב ישראל לאבינו שבשמים
ע"כ אין צורך לזה הסכמות מגדולי הדור כי כבר הם נסמכים לעד לעולם שהם עשוים באמת
וישר אמנם להעיד על מהות המחבר במקום שאין מכירין אותו יעיין נא בחיבוריי הקודמים בנין
יהושע עמק יהושע ויראו בעין יפה גברי רבוותא דקמסהדי עלי.

**המחבר**

# תורת החסידים הראשונים

## קיצור ספר החסידים

ה) **אם** אדם עושה מצות הרבה או חידש חידושי תורה אל ישמח ויהגה מזה. שמקבל מקצת שכר
בעוה"ז ומעשה דרשב"ג ור"י מבהיל הרעיון (ח):

ו) **לא** יסתכל בשום אשה. ועוצם עיניו מראות ברע זה המסתכל בנשים. אין חוצץ בפני התאוה
בעצימת העינים (ט):

ז) **חסיד** נקרא שסובל הלבנת פנים ואינו מבייש שום אדם. ולע"ל פניו מבהיקין. ויזהר בדברים שיצר
קשה עליו כגון רכילות, לה"ר, דברים בטלים, שלא לדבר שקר, שלא להסתכל בנשים, שלא
ללכת במיול, ויזהר בניו הקטנים להגבם בכל זה וגם כי יזקין לא יסור מזה (י):

ח) **אין** חסיד אלא מי שעובר על מידותיו ומוחל למי שמבקש ממנו מחילה ואינו עושה עמהם רעה
שצריך לעשות לפנים משורת הדין כיוסף עם אחיו (יא):

ט) **שורש** החסידות היינו ששובר את היצה"ר לא מפני פורעניות ולא מפני עוה"ב אלא ירא פן לא
יהי' תמים באהבת ה'. והגדר הגדול שלא ישבע ממאכלים ומעדנים שאילו מביאים ליד
הרהורים

טײַערע פֿירונג פֿאַר יעדער ייד

יעדער מצוה זאָך וואָס עס איז דעם מענטש שווער צו טהון און ער טהוט דאָס פֿאַרט איז זײַן לויהן
זײַן גאַנצע שטאַרקײַט. און דעמאָלט שטאַרקט ער זיך איבער דעם יצר הרע און בײַגט איהם אײַן.—
זעהר גרויס (ז):

ה) **אם.** אויב אַ מענטש טהוט פֿיעל מצות אָדער ער האָט מחדש געווען פֿיעל חידושי תורה זאָל ער
זיך נישט פֿיעל פֿרעהען און הנאה האָבען. וואָרום דערמיט נעמט ער אָב אַביסעל לוין אויף
דער וועלט, און די מעשה פֿון ר' שמעון בן גמליאל און ר' ישמעאל בן אלישע דערשרעקט דעם
געפֿיהל. (די מעשה איז געווען אז מען האָט אַרויס געפֿיהרט ר' שמעון בן גמליאל און ר' ישמעאל
בן אלישע צום הרגנען, האָט ר' שמעון געפֿרעגט ר' ישמעאל'ן פֿיעלײַכט ווײסטו פֿאַרוואָס פֿיהרט
מען מיר הרגנען? האָט איהם ר' ישמעאל געענטפֿערט מאַמער איז דאָס דערפֿאַר וואָס ווען די
האָסט גידרשנט פֿאַרן עולם האָסטו זיך געפֿרעהט און האָסט דערחון געהאַט הנאה. האָט איהם
ר' שמעון געענטפֿערט די האָסט מיר מיט דײַנע רייד געטרײסט, טאַקי גאָר די קלײנע זינד האָט
זיך בײַ מיר געפֿונען. אָבער נישט חס ושלום אַנאַנדער זינד (ח):

ו) **לא.** אַ מענטש זאָל נישט קוקען אויף אַ אשה. און דאָס וואָס אין פסוק שטײט די גרויסקײט פֿון דעם
מענטש וואָס פֿערמאַכט זײַנע אויגען פֿון צו טהון שלעכטס, מײנט מען דאָס דעם מענטש וואָס
קוקט נישט אויף ווײַבער.—עס איז נישטאַ אַזאַך וואָס זאָל איבער האַקען די תאוה ווי צו מאַכען
די אויגען. דען דאָס איז די בעסטע עצה (ט):

ז) **חסיד.** אַ חסיד הײסט דער מענטש וואָס פֿאַרלײַדט אז מען פֿאַרשעמט עם, און ער פֿאַרשעמט
נישט קײן מענטש. און לעולם הבא וועט זײַן געזיכט לײַכטען.—דער מענטש בעדאַרף זעהר
זײַן געהיט אויף די זאַכען וואָס עס איז זעהר שווער בײַקומען דעם יצר הרע, דהיינו נישט צו ריידען
קײן רכילות, אָדער לשון הרע, אָדער דברים בטלים, אָדער ליגען. אָדער קוקען אויף ווײַבער. אָדער
גײן שפּאַצירען,—יעדער מענטש בעדאַרף זײַן געהיט געוויינען זײַנע קלײנע קינדער די אַלע זאַכען.
און אז זײ וועלען עלטער ווערען וועלען זײ דערפֿון זיך נישט אָפּגעווײנען (י):

ח) **אין.** אַ חסיד איז נאָר דער מענטש וואָס איז אַ מעביר על מדותיו, און ער איז מוחל יעדער'ן וואָס
בעט בײַ איהם ענשולדיגונג. און טהוט זײ נישט קײן שלעכטס. דען מען בעדאַרף טאָן בעסער פֿון
דין, אַזוי ווי עס האָט געטהון יוסף מיט זײַנע ברידער (יא):

ט) **שורש.** דער וואָרצעל פֿון חסידות איז אז מען צוברעכט דעם יצר הרע און מען טהוט נישט זײַן
ווילען. נישט נאָר צוליעב דעם שטראָף וואָס מען וועט דערפֿאַר בעקומען. און נישט צוליעב
דעם לוין וואָס מען וועט בעקומען בעולם הבא. נאָר צוליעב דעם וואָס מען האָט מורא אז
מען

## קיצור ספר החסידים

### הרהורים רעים (יב):

י) **עיקר** היראה ניכרת בעת הנסיון. כשמדברין למעלה לעשות טובה לאדם בא השטן ומקטרג
שלא לעשות טובה כי אם שינסו איתו. לעולם יהא אדם ערום ביראה מענה רך ומשיב
חימה. ומדבר שלום עם כל אדם אפי׳ אם עכו״ם. כל אדם שיש בו יר״ש לסוף דבריו נשמעים (יג):

יא) **שורש** אהבת ה׳ שיעזוב כל עניני חמדת העולם ותענוגיו, שלא יתענג כלל מזה, נגד אהבתו
להבורא ית״ש וק״ו ממי שעושה דבר שהוא רצון מלך בו״ד שלא ינוח ולא ישקוט, עד
שישלים רצון המלך אף שהוא בו״ד וזכמותו כו׳ וק״ו לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה כו׳ (יד):

יב) **שורש** ענוה ירחיק א״ע מכל דבר גדולה וכבוד, ויתן הכבוד לאחר, ולא לו, ולהגדיל כבוד יראי
ה׳, אדם פשוט שקוראים אותו בשמו לא יקרא אותו בשם רבי כיון שמתבייש בזה
ודומה היא לליצנות, ומותר לשבח את עצמו כשרוצה שתלמידיו ילמדו ממנו. לא יהרהר אדם ביום
ולא יבא לידי טומאה בלילה (טו):

יג) **כל** המשפיל א״ע בעוה״ז שהי׳ יכול להשתרר ולקחת גדולה ופרנסות על הציבור ואינו חפץ בזה
להתגאות יהי׳ ראש לעוה״ב (טז):

יד) **הלומד** ואינו מקיים, אוי לו ולמזלו שהוא טורח לירש גיהנם, טוב מעט תורה ויר״ש מהמון
רשעים שלומדים כל היום ואין מקיימין (יז):

גורל

### טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

מען וועט דורך דעם נישט זיין גאנץ אין ליבשאפט צו גאט, אויך דאס וואס מען פאר מיידט זיך
נישט אן זעטיגען זיך אין שפייזין און פערגעניגען, ווארום דאס ברענגט צו שלעכטע געדאנקען (יב):

י) **עיקר**. דער עיקר פון גאט׳ס פארכטיקייט ווערט דערקענט נאר אין דער צייט ווען מען פרובט דעם
מענטש.—אז מען רעדט אין הימעל אז מען זאל אמענשט טאן גיטס, קומט דער שטן און איז
מקטרג, אז מען זאל דעם מענטש דערוויל נישט טאן קיין גיטס, נאר מען זאל איהם פריהער
פרובען אייב ער וועט בייסטיין א נסיון.—שטענדיג זאל א מענטש זיין קלוג אין גאט׳ס פארכטיקייט,
ער זאל ווייך ענטפערין, און זאל אפ קערען דעם גרימצארן. אוןריידען פריעדליך מיט יעדער
מענטש, אפילו מיט א עכו״ם.—יעדער מענטש וואס האט מורא פאר גאט ווערען דערהערט
זיינע רייד (יג):

יא) **שורש**. דער ווארצעל פון גאט׳ס ליעבשאפט איז אז דער מענטש זאל פארלאזען אלע גליסטיקייט
פון דער וועלט, און אלע פערגעניגענס פון דער וועלט, ער זאל פון אלץ גאר קיין הנאה
נישט האבען, אנטקעגען די ליבשאפט צו גאט. און דאס איז א קל וחומר פין א מענטש וואס טהוט
אזאך וואס עס איז דער ווילען פון א קעניג, רוהט ער נישט ביז ער ערפילט דעם ווילען פון קעניג.
האטש דער קעניג איז נאר אגעבוירענער מענטש אזוי ווי ער. א כל שכן אז מען טהוט אזאך וואס עס
איז דער ווילען פון קעניג פון אלע קעניגען, הקדוש ברוך הוא, וואס ער לעבט אייביג, בדארף
ער זיך געווים מאטערין צו ערפילען זיין פערלאנג אויפ׳ן בעסטען אופן (יד):

יב) **שורש**. דער ווארצעל פון ענוה איז אז דער מענש זאל זיך דערווייטערין פון יעדער גרויסקייט
און כבוד, און ער זאל דעם כבוד אוועקגעבען אנ׳אנדערין, אבער נישט זיך. און ער זאל
גרויס מאכען דעם כבוד פון גאט׳ס פארכטיגע לייט.—א פראסטען מענטש וואס יעדערער רופט
עם ביים נאמען, זאלסטו עם נישט רופען רבי, ווייל דורך דעם וועט ער פארשעמט ווערען, או
דאס איז גלייך צו ליצנות.—א מענטש מעג זיך אליין לויבען אז ער וויל דערמיט אז זיינע תלמידים
זאלען זיך דאס פון עם אפלערנען.—אמענטש זאל נישט טראכטען שלעכטע געדאנקען ביי טאג
כדי ער זאל נישט טמא ווערען ביי נאכט (טו):

יג) **כל**. יעדער מענטש וואס מאכט זיך נידעריג אויף דער וועלט, און ער האט גאר געקאנט געוועל-
טיגען און זיך נעמען גרויסקייט. נאר ער טהוט דאס נישט ווייל ער וויל נישט האבען קיין
גאות, וועט דער מענטש זיין א עלסטער בעולם הבא (טז):

יד) **הלומד**. דער מענטש וואס לערינט און איז דאס נישט מקיים, איז וויי צו עם און צו זיין מזל
דען ער בעמיהט זיך ירשענען דעם גיהנם,—עס איז גוט אביסעל תורה און יראת שמים
איידער די רשעים וואס לערנען א גאנצען טאג און זענען נישט מקיים די מצות (יז):
גורל

# תורת החסידים הראשונים

## קיצור ספר החסידים

טו) **גודל** איסור שיחה וקלות ראש בבית המדרש בעת התפילה. לא ישוח במורים נגד דבר מאום,
המביט בעיניו על הגג בתפלתו. המלאכים משחקים עליו כו'. (יח):

טז) **נכון** לכתוב העבירות שעשה באגרת. שיזכור וישוב עליהם. אך יכתוב בדרך רמז שלא ימצא
אותם אדם כו'. לאדם צדיק והגון מותר לספר אחר מעוונותיו (כא):

יז) **מי** שחטא בדבר ורואה שחושדים לאחרים צריך שיאמר אני הוא שחטאתי. שלא יחטאו העולם על
ידו שיהי' חושדים בכשירים. יכול לומר חטאנו אף על עבירות שלא עשה כלל. שכל ישראל
ערבים זה בזה. אם עושה תשובה ורואה שממקצת עונות אינו שב. יאמר אתה יוצרינו כו' תכניע
יצר לבבינו כו' (כב):

יח) **אין** תשובה ויוה"כ מכפר על עבירות שבין אדם לחבירו עד שירצה את חבירו. וכשמבקש ממנו
מחילה ימחול לו. אפילו היצר לו הרבה לא יקום ולא יטור (כו):

יט) **וזהו** דרכם של ישרים. אבל עמלקים ערלי לב עברתם שמורה נצח. והמבקש מחילה מרבו. ולא
מחלו. חוזר ובא אפילו ק' פעמים (כד):

כ) **לעולם** יראה אדם א"ע כאלו נטה למות כדי שיעשה תשובה כו' ויפה שעה אחת בתשובה (כו):

כא) **יש** לעשות תשובה אפילו מדעות רעות ולפרוש מהם. כמו כעס. איבה קנאה, רדיפת מאכלים כו' (כז):

כב) **אם** נכנס הרהורי עבירה כשהוא במרחץ מותר להרהר בדברי תורה לסלק מחשבות רעות; יש
לנעוץ

### מײַנע פירהונג פאַר יעדער ייִד

טו) **גודל**. עס איז גרוים דער איסור פון צו רײדען אין שוהל בשעת'ן דאוונען
אײן בײַגין ווען מען זאָגט מודים אנטקעגען א מיאוסה זאך (שפײַעכץ).—מען טאָר זיך נישט
אויף די אויגען צום דאך בשעת'ן דאוונען לאַכען פון עם די מלאכים (יח):

טז) **נכון**. עס איז זײער גלײך אז מען זאל פאַרשרײַבען די עבירות וואס מען האט גיטאָן כדי מען
זאל גידענקען און טאָן אויף זײ תשובה. נאָר מען זאל זײ נישט שרײַבען דײטליך. נאָר מיט
א רמז, כדי אמענטש זאל זײ נישט געפינען. אבער פאַר א צדיק מעג מען זאָגען אײניגע פון זײנע
זינד. כדי ער זאל עם ארוים געבען א תשובה (כא):

כז) **מי**. ווער עס האָט עפּעס געזינדיגט א זאך, און ער זעהט אז מען איז דאס חושד אנדערע מענ-
טשען, בדאַרף ער זאָגען איך האב דאס געזינדיגט. כדי דורך אים זאל די וועלט נישט
זינדיגען, חושד בכשירים זײן.—אין תחנון קען מען זאָגען, מיר האָבען געזינדיגט. אפילו אויף עבירות
וואס מען האט גאר נישט גיטאָן, ווײל אלע יודען זעגען פעראַנטווארטליך פאַר'ן צווייטען.—אויב
א מענטש טהוט תשובה און זעהט אז פון אביסעל זינד האָט ער גאָך נישט גיטאָן תשובה זאל ער
זאָגען, דו ביסט אונזער באַשעפער וכו' זאָלסט מאַכען אונטערטעניג דעם יצר הרע וכו' (כב):

יח) **אין**, תשובה און יום הכפורים איז נישט מכפר אויף די עבירות וואס מען טוט צו אמענטש
(בין אדם לחבירו) ביז מען בעט ענטשולדיגונג בײַם מענטש.—אז מען בעט מחילה בע.
דאַרף מען איהם מוחל זײן.— אפילו ער האָט איהם גיטאָהן פיעל שלעכטס זאל ער נישט טראָגען די
פײַנדשאַפט אין הארצען (כג):

יט) **וזהו**, אזוי ווי מיר האָבען אויבען געשריבען איז דער פירהונג פון ערליכע לײט. אבער עמלקים
וואס האָבען פאַרשטאָפּטע הערצער האַלטען אײביג דעם צאָרן.—אז אמענטש בעט מחילה
פון זײַנעם א רבי'ן און ער האט עם נישט מוחל גיוועזן בעדאַרף ער גײן צו איהם איבער בעטין
אפילו הונדערט מאהל (כד):

כ) **לעולם**. שטענדיג זאל דער מענטש זיך פאַרשטעלען אזוי ווי ער האלט בײַם שטאַרבען. כדי ער
זאל טאָן תשובה.—עס איז זעהר פײַן אז מען טהוט א שעה תשובה (כו):

כא) **יש**. מען בעדאַרף טאָן תשובה אפילו פון שלעכטע געדאַנקען, און מען בעדאַרף זיך פון זײ אפּ
שײדען. דהיינו פון כעס. פײַנדשאַפט. קנאה. שטרעבונג צו גיטע עסען (כז):

כב) **אם**, אויב עס קומט אַן א מענטש שלעכטע געדאַנקען ווען ער איז אין מרחץ, מעג ער דאַרטען
קלערען אין תורה, אום צו פאַרמײַדען די שלעכטע געדאַנקען,—מען בעדאַרף אַרײַן שטע-
קען די שפּיץ פינגער פון די הענד אין דער ערד און דערויף אן לעהגען דעם גאַנצען גוף, דערמיט
ועט

# תורת החסידים הראשונים

## קיצור ספר החסידים

משחית זקנו. ומקיים מצות ציצית ותפילין וכדומה. הרי הוא כאלו נהרג. והמלבין פניו כאלו
לב) **המצער** אדם אחד כאילו ציער עולם מלא. ועל כל צער וצער שמצער חבירו יענש. ואפילו
הורגו (מ):
ציער בהמה בחנם עתיד ליתן דין (מר):
לג) **לעולם** יתפלל אדם שלא יבוא תקלה על ידו (מה):
לד) **כל** מעשיך יהיו לש״ש. הן באכילה. ושתי׳. ושינה. וכשמברך ומתפלל יהי׳ בכוונה לשבח יוצרו
כו׳. ומעשה נורא שאף אחר י״ב חודש ענשו אחד שלא כיון בברכות. אלא שלאחר יב״ח
מקילים מעט בהעונש (מו):
לה) **המשנה** בדבורו כעובר ע״ז. הדובר אמת. הוא גוזר והקב״ה מקיים (מז):
לו) **דע** כי המחלוקת והקטטה ודברים בטלים וכדומה מביאין האדם לידי כעס. וכעס מביא לידי
חטא. ועבירה גוררת עבירה. אל תתגאה על רעיך לא בחכמתך ולא בהונך כי הכל הבל
ורעות רוח (מ ):
לז) **המרים** ידו על חבירו נקרא רשע. הסוטר לועו של חבירו ה״ה כסוטר לועו של שכינה (מט):

החכם

### טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

לעבדיג די האר פון קאפ. און ער שערט נישט די באָרד און איז מקיים די מצות פון ציצית און
תפילין. און דערגלייכען. האט ער לוין פונקט אזוי ווי ער וואלט גיהרגעט געווארען אויף קידוש
השם.—דער מענטש וואס פארשעמט איהם איז גלייך ווי ער וואלט איהם געהרגעט (מ):
לב) **המצער**. אז א מענטש איז מצער איין מענטש. איז גלייך ווי ער וואלט מצער גיוועזן
א גאנצע וועלט. און אויף יעדער צער וואס ער איז מצער דעם מענטש וועט ער
עס טראפט ווערען. אפילו ער האט מצער גיוועזן אומזיסט א בהמה וועט ער אויך בעדארפען אפגעבען
דערפאר רעכענונג פאר׳ן בית דין של מעלה (מר):
לג) **לעולם**. שטענדיג זאל דער מענטש בעטען אז עס זאל דורך איהם קיינמאל נישט קומען קיין
שטרויכלונג (מה):
לד) **כל**. אלע דיינע טוהונגען זאלען זיין צוליעב גאט׳ס וועגען. סיי דאס עסען. און טרינקען. און
שלאפען.—אז א מענטש דאווינט און בעט זאל זיין דער גערדאנק לויבען גאט. עס האט זיך
אמאל געטראפען אז א מענטש איז געשטארבען פאר דער צייט. און א לאנגע צייט נאך צוועלף
חדשים האט ער זיך בעוויזען צו איינעם פון זיינע קרובים. האט ער גיפרעגט דעם געשטארבענעם
ווי פיהרסט די זיך אויף דער וועלט וואס די ביסט? האט איהם דער געשטארבענער געענטפערט
אלע טאג משפט מען מיר אויף דעם וואס איך האב נישט געפילעוועט זאגען די ברכה המוציא מיט
כוונה. און נישט גיבענטשט מיט כוונה. און נישט געזאגט די ברכה אויף פירות מיט כוונה. און מען
זאגט צו מיר די האסט אלץ גיטאן נאר צוליעב דיין אייגענע הנאה. אבער גארנישט צוליעב די
הנאה פון גאט. האט ער גיפרעגט דעם געשטארבענעם דער משפט פון רשעים אין גיהנם איז דאך נאר צוועלף
חדשים. און עס איז דאך שוין ערשט מעהר ווי צוועלף חדשים צייט די ביסט געשטארבען. טא ווי
אזוי משפט מען דיר נאך יעצט? האט ער איהם גיענטפערט ערשט משפט מען מיר נישט אזוי גע
שווערע שטראף ווי די ערשטע צוועלף חדשים (מו):
לה) **המשנה**. דער מענטש וואס ענדערט זיינע רייד איז גלייך אזוי ווי ער וואלט געדיענט עבודה
זרה.—דער מענטש וואס רעדט אמת אז ער בעפעהלט עפעס, ערפילט דער אייבישטער זיינע רייד (מז):
לו) **דע**. זיי וויסען אז קריעג און פוסטע רייד ברענגען דעם מענטש צו צארן. און צארן ברענגט
צו זינד. און איין זינד ברענגט די צווייטע זינד.—זאלסט זיך נישט גרויס האלטען אויפ׳ן אנ׳
מאן, נישט מיט דיין קליגשאפט און נישט מיט דיין פארמעגען. ווארום אלץ איז גארנישקייט און פוסטע
זאכען (מח):
לז) **המרים**. אז א מענטש הייבט אויף זיין האנד אויף א מענטש הייסט ער—אז איינער גיט א מענטש
א פאטש איז גלייך ווי ער וואלט גיגעבען א פאטש דער שכינה (מט):

החכם

## קיצור ספר החסידים

לח) **החכם** צריך להיות מובדל. גם במאכלו ובשתיתו ובשאר צרכיו. ולא יהי׳ גרגרן. ורודף אחר מאכלים למלא בטנו ולא יאכל כ״א תבשיל אחד או ב וכדי חייו. ולא עד שימלא כרסו כבלב וכחמור. וכשיהי׳ לו בן יעסוק ללמדו באופן זה, ובכל דרכיך דעהו(נ):

לט) **לא** ידבר אחד בפה ואחד בלב. ולא יגנוב דעת הבריות אפי דעתו של גוי, ואותן שמחרפין הנכרים והנכרי סובר ששואל שלומו, חוטאים הם. כל מה שנוכל למעט בשאילת שלום של רשע יש למעט, לא יהי׳ אדם בעל דברים הרבה, ולא יהי׳ עצב ומתאבל. ולא יהי׳ נבהל להין. ולא יהי׳ עצל ובטל ממלאכתו, ויהי׳ שמח בחלקו שנתן לו השי״ת, ולא יהי׳ בעל קטטה. ובעל קנאה ובעל תאוה (נא):

מ) **ילך** בתעניות אדם בכל עניניו בדרך הממוצע, ואפילו המצער א״ע מן היין נקרא חוטא, וכ״ש אם מתענה, ואין חפץ השי״ת בתעניות. כי אם ליראה מפניו, אבל אם רואה שיצרו מתגבר עליו מותר לסגף את עצמו (נב):

מא) **יש** לאדם להשתתף בצער חבירו, אל יהרהר אדם שישבחו אותו, כי היום כאן ולמחר כו׳, ולא ילך בגילוי הראש מפני מורא השכינה (נג):

מב) **הזהר** שלא תלבין פני חבירך, כי זהו רציחה, ששופך דמו, וענשו גדול כאר ומפני זה מת אביה (נד):

מג) **הנבזה** בעיני הבריות שלא מחמת מעשים רעים. עתיד שיתעלה (נה):

גדולה

## טײַערע פֿיהרונג פֿאַר יעדער יוד

לח) **החכם.** דער חכם בעדאַרף זײַן אָפּגעשײדט מיט זײַן פֿיהרונג פֿון אַלע געװעהנליכע מענטשען, אויך מיט׳ן עסין און טרינקען און מיט זײַנע רעשטע בעדערפֿניסען. און ער זאָל ניט זײַן קײַן פֿרעסער, און זאָל זיך נישט נאָך יאָגען נאָך גוטע עסענװאַרג, אום צו ערפֿילען זײַן בױך, און ער זאָל עסין נאָר אײַן געקעכץ, אָדער צװײַ געקעכץ׳ נאָר לױט זײַן באַדערפֿעניש אויף לעבענס מיטיל, און נישט ביז ער װעט אָנפֿילען זײַן בױך אַזױ װי אַ הונד אָדער אַאײזעל.—אַז דער חכם האָט אַזוהן זאָל ער איהם לערנען אויך אַזױ זיך צו פֿיהרען.—אין אַלע זאַכען בעדאַרף מען װיסען אַז עס איז דאָ גאָט אויף דער װעלט (נ):

לט) **לא.** אַמענטש זאָל נישט רעדען מיט׳ן מויל, און מיט׳ן האַרץ טראַכטען אַנדערש.—און ער זאָל נישט גנב׳נען די געװיסענהאַפט פֿון אַמענטש, אויך נישט די געװיסענהאַפט פֿון אַעכו״ם.—די מענטשען װאָס זידלען אַעכו״ם, און דער עכו״ם פֿערשטײט נישט די רײד, און מײנט אַז מען גריסט איהם, די מענטשען זינדיגען דערמיט.—װיפֿיל מען קאָן זיך אויסמײַדען נישט גריסען אַרשע בעדאַרף מען זיך פֿערמײַדען.—אַמענטש זאָל פֿיעל נישט רײדען.—און זאָל נישט זײַן טרויעריג און קלאָגעדיג.—און זיך נישט יאָגען צו קריגען אַגרויסען מאַיאָנטעק.—אויך זאָל ער נישט זײַן פֿויל און לײדיג פֿון זײַן אַרבעט.—און זאָל זיך פֿרעהען מיט זײַן חלק װאָס גאָט האָט איהם געגעבען.— און ער זאָל זיך נישט קריגען.—און ער זאָל נישט מקנא זײַן.—און זאָל נישט זײַן קײַן בעל תאוה (נא):

מ) **ילך.** אַמענטש זאָל זיך פֿיהרען אין אַלע זאַכען אין מיטעל מעסיגען װעג.—דער מענטש װאָס איז זיך מצער אפילו פֿון נישט טרינקען קײַן װײַן (װאָס דאָס איז דאָך נישט נײטיג, פֿון דעסטװעגען), װערט ער אָנגערופֿען אַ זינדיגער, אַבל שכן אויב ער פֿאַסט, דען גאָט פֿערלאַנגט נישט אַז מען זאָל פֿאַסטען, נאָר מען זאָל פֿאַר איהם מורא האָבען, נאָר אַז אַמענטש זעהט אַז דער יצר הרע שטאַרקט זיך אויף איהם מעג ער זיך פּײַניגען (נב):

מא) **יש.** אַמענטש דאַרף אַנטײל נעמען אין די לײַדען פֿון זײַן חבר.—ער זאָל נישט װעלען אַז מען זאָל איהם לויבען, װײַל הײַנט איז ער דאָ און מאָרגען קאָן ער זײַן אין קבר.—אַמענטש זאָל נישט גײַן אין בלױזען קאָפּ, צוליעב דער פֿאָרכט פֿון דער שכינה (נג):

מב) **הזהר.** זאָלסט זײַן געהיט נישט פֿאַרשעמען דײַן חבר, װאָרום דאָס איז מערדעריי, מען פֿאַרגיסט זײַן בלוט, און דער שטראָף איז זײער גרױס, און צוליעב דעם איז געשטאָרבען אביה בן רחבעם (נד):

מג) **הנבזה.** דער מענטש װאָס איז פֿערשעהמט אין מענטשליכע אויגען נישט צוליעב שלעכטע זאַכען איז אָנגעברײט אַז ער זאָל דערגרײכט װערען (נה):

גדולה

קיצור ספר החסידים

מד) גדולה הכנסת אורחים מקבלת פני השכינה. ויאכילם וישקם ממה שיש לו לעצמו ולא יותר.
אך שיהי' בסבר פנים יפות. ובלבתו יתן לו פריסת לחם. ומצוה ללותם (נו):

מה) קודם התפילה מחויב לנקות א"ע. וכן מנעליו יהיו נקיים מצואה. ויתפלל מעוטף באימה
ויראה (נז):

מו) המשתין או מיסך רגליו, וריצה לאכיל, יטול ידיו ויברך, אשר יצר. ואח"כ יטול ידיו פעם
ב' ויברך על נטילת ידים, יש להבין בלי עם סובין שאם יהי' חלב או איסור על ידיו יעביר בסובי·
בכל ערב שבת יטול צפורניו (נח):

מז) כל מיני נחושים אסור. והיא ל"ת של תורה. וכן הנודר מבני מעיים כשהוא חולה על בני מעיי
או מן ראש בהמה כשיש לו מיחוש בראש. ואסור להמתין מללמוד או לעשות מצוה עד
ר"ח למשל. כי שמא ימות בו. חישב לעשות מצוה ונאנס ולא עשה מעה"כ כאילו עשאה (נט):

מח) גדולה תשובה מכל הקרבנות והגיב בע"ת לפני המקום יותר מצדיקים (ס):

מט) יתפלל להקב"ה שיזמין לו עניים מהוגנים ליתן להם צדקה. כי אם נותן לפריצים נחשב לו·
לעון, אפילו עני יתן צדקה. ואסור לכופו (סא):

נ) כך אם יחי' אדם אלף שנים לא יוכל לשלם להקב"ה גמול טובה קטנה שבקטנות (סב):

טייטש פירוש פאר יעדער יוד

מד) גדולה. עס איז זייער גרויס די מצוה פון נעמען געסט צו זיך אין שטוב, דאס איז גרעסער
פון אריין צו נעמען צו זיך די שכינה. און ער זאל געבען עסען און טרינקען פון דאס
וואס ער האט, אבער נישט מעהר. דאס זאל אלץ זיין מיט אנגענעמקייט און איידילדקייט, אז דער
גאנץ גייט אוועק זאל ער אים געבען א שטיק ברויט, און עס איז א מצוה דעם גאסט צו באלייטען (נו):

מה) קודם. פאר'ן דאווענען בעדארף מען זיך ריין מאכן פון די מענטשליכע בעדערפעניששען. אויך
בעדארף מען זעהן אז די שיך זאלען זיין ריין פון אומריינקייט, און ער זאל דאווענען
איינגעהילט מיט פאכט (נז):

מו) המשתין. דער מענטש וואס איז משתין אדער גייט אויפן ליפט און דערנאך וויל ער עסען
זאל ער וואשען די הענד, און זאגען די ברכה אשר יצר, דערנאך זאל ער א צווייטען
מאהל וואשען די הענד און זאל זאגען די ברכה על נטילת ידים,—א מענטש בעדארף
אנגרייטען א כלי מיט קלייען. טאמער וועלען זיינע הענד זיין איין געריבט אין חלב אדער א
אנדער איסור, וועט ער באלד זיינע הענד אפ רייבען מיט קלייען,—אלע פרייטאג בעדארף מען אפ
שניידען דיא נעגיל (נח):

מז) כל. אלע ערליי כשוף-מאכערייי טאר מען נישט טאן, און דאס איז א לאו פון דער תורה, און
אזוי טאר מען אויך נישט טאן א נדר ווען מען איז קראנק אויף די גידערים אז מען זאל
נישט עסען קיין גידערים, אדער אז עס טהוט וויי דער קאפ טאר מען נישט טאן קיין נדר, נישט עסען
קיין קאפ פון א בהמה,—מען טאר נישט ווארטען אן צו הייבען לערנען, אדער טאן א מצוה, ביז ראש
חודש. וויייל טאמער שטארבט מען פריהער.—אז א מענטש האט גיטראכט טאן א מצוה נאר עס האט
זיך געטראפען א סיבה און ער האט איר נישט געקאנט טאן, רעכינט מען אים אזוי ווי ער וואלט איר
גיטאן און ער באקומט פאר איר לוין (נט):

מח) גדולה. תשובה איז גרעסער פון אלע קרבנות.—די מענטשען וואס טהוען תשובה האט גאט
בעסער ליעב פון צדיקים (ס):

מט) יתפלל, א מענש זאל בעטען גאט ער זאל איהם צושיקען ערליכע ארימע לייט, אויף צו
געבען זיי צדקה, ווארים אויב ער גיט צדקה נישט קיין ערליכען ארימאן ווערט
אים גערעכענט פאר א זינד.—אפילו א ארימאן בעדארף אויך געבען צדקה. נאר מען טאר אים
דאס נישט נייטען (סא):

נ) כך. אויב א מענטש זאל לעבען טויזענד יאהר וועט ער נישט קאנען באצאהלען דעם אייבערשטען
דעם קלענסטען לויהן פאר זיין גוטסקייט וואס ער טהוט מיט איהם (סב):

הלואי

# תורת החסידים הראשונים

## קיצור ספר חסידים

מביא לידי רציחה (עח):

סג) **כשתרצה** להתחבר לאדם. דע עם מי הוא מתחבר. הוזהר בכשלון לשונך, כי ימות אדם
בכשלון לשונו (פ):

סד) **כשתאמר** — קיים מה שאמרת (פא):

סה) **אל** תאחר התשובה. כי המות בא פתאום (פב):

סו) **תרין** בעסך ילה אחת. ובשעת בעסך אל תדבר כלל (פג):

סז) **אם** יכבדוך אל תשמח. כי מנכין מזכיותיו בעוה"ב. אל תענה לאדם שמדבר עליך נגאי ואז
יחבק ידיו ויחנק (פד):

סח) **אל** תגלה לאוהבך שום דבר שלא תגלה לשונאך. פן יהפך להיות שונאך ויגלה סודך. סוד אחר
אל תגלה כי אם ברשותו (פה:

סט) **מכה** בסלע שתיקה בתרין. עד שלא דברתי אני מושל על דבורי, ומשיצא הדבר מפי אז
הדיבור מושל בי (פו):

ע) **המרחם** על הבריות מרחמין עליו מן השמים (פז):

עא) **פרישות** מן העולם פנאי ללב ומנוחה לגוף. ואהבת העולם טרדת הלב ויגיעת הגוף. ואל תהי
להוט אחר חדושים בעניני עולם (פח):

עב) **אם** אביו או אמו או רבו עובר. וקם מפניהם, יחזור וישב. אף שצריך לילך. מפני שלא יהי'
ניכר

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

אויף אים און וועט אים הרג'נען. קומט דאך אויס אז דערפון וואס מ'האט פיינט א מענטש ברענגט
דאס צו מערדעריי (עח):

סג) **כשתרצה**. אויב די ווילסט זיך באהעפטען מיט א מענטש זאלסטו זעהן מיט וועמען ער באהעפט
זיך,—זאלסט זיין זייער געהיט נישט געשטראכעלט צו ווערין מיט דיין צינג. ווארים
דורכ'ן שטרויכלונג פון דער צינג שטארבען מענטשען (פ):

סד) **כשתאמר**. אז די האסט עמיצען געזאגט יא, זאלסט דיא ערפילען דאס וואס די האסט געזאגט
(פא):

סה) **אל**. זאלסט נישט אפלייגען אויף שפעטער צו טאן תשובה, ווארים דער טויט קומט פלוצלינג (פב):

סו) **תלין**. אז דיא ווערסט אין כעס זאלסט די דעם כעס לאזען איבער געכטיגען איבער נאכט—
בשעת'ן כעס זאלסטו גאר נישט רעדען (פג):

סז) **אם**. אויב מען איז דיר מכבד זאלסטו זיך נישט פרעהען, ווארים דערפאר וועט מען דיר אפ-
רעכנען פון דיינע זכיות בעולם הבא.—זאלסט נישט ענטפערען דעם מענטשען וואס רעדט
אויף דיר שעמעדיגע רייד, דעמאלט וועט ער אנטשוויגען ווערען (פד):

כח) **אל**. דיין גיטען פריינד זאלסטו נישט אויסזאגען א געהיימניס וואס דיא וואלסט דאס נישט אויס
געזאגט דיין פיינד, ווארים טאמער וועט דער גוטער פריינד ווערען דיינער א פיינד, און
וועט אוים זאגען דאס געהיימניס. — א געהיימניס וואס עמיצער האט דיר געזאגט זאלסטו קיינעם
נישט אויסזאגען סיידען מיט זיין ערלויבעניש (פה):

סט) **מכה**. ריידען א ווארט איז ווערט א טאלער, אבער שווייגען איז ווערט צוויי טאלער.—איידער
איך רייד ארויס דעם ווארט געוועלטיג איך אויף די רייד, אבער אז איך האב
ארויס געלאזט דעם ווארט פונם מויל, דאמאלט געוועלטיגט שוין דער ווארט אויף מיר (פו):

ע) **המרחם**. דער מענטש וואס דערבארימט זיך אויף מענטשען דערבארימט מען זיך אויף אים
פין הימעל (פז):

עא) **פרישות**. אפגעשיידענהייט פין דער וועלט מאכט צייט פארן הארץ און רוה פארן קערפער.
אבער ליעבשאפט צו דער וועלט מאכט הארצליכע-פערנומענהייט און קערפערליכע
מאטערונג,—זאלסט נישט זיין פערקאכט נאך נייעס און וועלטליכע זאכען (פח):

עב) **אם**. אויב דער פאטער אדער מוטער אדער דער רבי גייט דורך פאר אים. און ער שטעלט זיך אויף
פאר זיי, זאל ער זיך צוריק זעצען, האטש ער בעדארף אוועק גיין, אום עס זאל זיין קענטיג,
אז

## קיצור ספר החסידים

ניכר שקם מפניהם (צא):
עג) **כיון** ששמר אדם א"ע ג"פ מעבירה שוב הקב"ה שומרו (צג):
עד) **יש** ללמוד ק"ו מהולכי מלחמה במצות מלכיהם. שמוסרים א"ע להריגה. ואין מבקשים שום שכר
ע"ז כשנהרגין. עאכו"כ שיש לנו לסבול צרות ולמסור נפשינו על מצות ממ"ה הקב"ה (צד):
עה) **אסור** לבקש מהקב"ה דבר שאינו בדרך הטבע כגון שיהי' בזו הרגע מעבר לים או יפרח
באויר וכדומה. אף שיש יכולת ביד הקב"ה לעשות (צה):
עו) **כשנותן** שלום ומחזיר שלום לרבו. יהי' ביראה וכבוד (צו):
עז) **אל** יהנה יותר מדאי מן העולם. ולא יעברו עליו ל' יום בלא תענית. כשרואה ספרים קרועים.
ודפיהם מונחים בבזיון כמו על הרצפה וכדומה יצניעם. וחדם אחד נענש ע"ז (צז):
עח) **אסור** לאדם ליפות את עצמו בפני אשת איש כדי שיישר בעיניה. ותכנום אהבתו בלבה. ולא
ישבח אשה יפה בפני חבירו. שמא יגרור אחריה. ולא תהנה מזיו פנוי' וכ"ש מא"א.
כדי שתהנה מזיו שכינה (צט):
עט) **אסור** לסרוק ראשו על ספר. אפילו במקום חלק שבו (קא):
פ) **אסור** לחרוג כינה על השלחן שאוכלים עליו. שדומה למזבח. ומטעם זה מצניעים הסכינים בשעת
ברהמ"ז. אסור לכתוב בספר חובות שחייבים לו (קב):

ינום

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד.

אז ער איז צוליעב זייער עהרע אויף געשטאנען (צא):
עג) **כיון.** אז א מענטש האט זיך דריי מאל איין געהיט פון צו טאן א עבירה, היט אים שוין ווייטער
גאט (צג):
עד) **יש.** מען בעדארף אפלערנען אקל וחומר פון די מענשען וואס גייען אויף א מלחמה צוליעב דעם
באפעהל פון זייער קעניג, וואס שטעלען זיך איין דאס לעבען דער'הרג'ט צו ווערען, און אז
זיי ווערען דער'הרג'ט בעטין זיי נישט קיין שום לוין דערפאר, אבל שכן מיר באדארפען פערליידען
צרות און זיך איין שטעלען דער'הרג'ט ווערען צוליעב דער עהרע פון גאט וואס ער איז א מלך
מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא (צד):
עה) **אסור.** מען טאר נישט בעטען פון גאט א זאך וואס עס איז אויסער די נאטור, דהיינו ער זאל
זיין אין דער סעקונדע אויף יענער זייט טייך. "ער ער זאל פליהען אין דער ליפט.
און דעסטגלייכען. חאטש ביי גאט איז אלץ מעגליך צו טאן (צה):
עו) **כשנותן.** אז א מענטש זאגט זיין רבין שלום, בעדארף דאס זיין מיט פארכט און עהרע (צו):
עז) **אל.** א מענטש זאל נישט צופיעל האבען פערגעניגען פון דער וועלט,—און עס זאל ביי אים נישט
אריבער גיין דרייסיג טאג אן א תענית.—אז א מענטש זעהט צוריסענע ספרים. און די בלע-
טער וואלגערען זיך ארום שענדליך, דהיינו אויף דער פאהלאגע. אין דעסגלייכען, זאל ער זיי בעהאל-
טין. און א חכם וואס איז דערין נישט געווען געהיט איז דערפאר באשטראפט געווארען (צז):
עח) **אסור.** א מענטש טאר זיך נישט אויספיינען און אויספוצען פאר א אשת איש. אום ער זאל איר
געפעלין ווערין. און עס זאל ארויין אין איר הארצין זיין ליעבשאפט.—אויך זאל ער נישט
לויבען פאר זיין חבר א שיינע פרוי, טאמער וועט דער חבר פערפירט ווערין נאך איר.—אויך זאל ער
גישט הנאה האבען פון א פנוי' און א כל שכן פון א אשת איש, אום ער זאל קאנען הנאה האבען
פון דער שיינקייט פון דער שכינה בעולם הבא (צט):
עט) **אסור.** מען טאר נישט קעמען דעם קאפ אויף א ספר, אפילו אויף דעם ליידיגען ארט
פינ'ם בלאט (קא):
פ) **אסור.** מען טאר נישט הר'גנע'ן א כינה אויפן טיש וואס מען עסט, ווייל דער טיש איז גלייך
צו א מזבח.—צוליעב דעם וואס דער טיש איז גלייך צו א מזבח בעהאלט מען די מע-
סערס ווען מען בענטשט.—מען טאר נישט שרייבען אויף א ספר וויפיעל עס קומט אים ביי עמיצען
א חוב (קב):

ינום

## קיצור ספר החסידים

פא) **יגום** ארם מנימים. שמא אין עושין לו נס. ואם עושין, מנכין מזכיותיו. יפה תואר המתגבר על
יצרו, שכרו יותר, משאינו יפה (קג):

פב) **עני** המחזיר אבידה, שכרו יותר מעשיר, ועשיר שאינו מחזיר ענשו יותר מעני שאינו מחזיר (קד):

פג) **כל** מצוה שאין דורשין ורודפים אחריי. דרוש ורדוף אחריי. שהיא כמת מצוה, והמצוה מקטרגת
לפני הקב"ה (קה):

פד) **אסור** לעכב התפילה, ולמנוע מלהכנים ב"ה לארון שלא כדין (קז קח):

פה) **יש** ליקח ספר בימין (קט)

פו) **אסור** לדבר דברי צער בשבת, וכן דברים בטלים. ובקושי התירו שאילת שלום בשבת (קי):

פז) **יש** לשפוך מעט מים מהכלי קודם הברכה, ולא אח"כ. ואחר ששתה ישפוך מעט. ואח"כ יתן
לתלמידו לשתות (קיא):

פח) **מקרה** רע שלצדיקים, הוא בעון הדור (קיג):

פט) **המשנה** מנהג ראשונים בפיוטים שנהגו לומר קרוב"ץ תקליר ואומר פיוטים אחרים עובר משום
אל תשיג גבול עולם (קיד):

צ) **בשרבה** דיו על אות לא יכתוב השם ממנו. וכמו"כ כשרבה על השם לא יכתוב ממנו
אות אחר (קטו):

צא) **בל"ו** מקומות נצטוינו על אהבת הגר. שנכנס תחת כנפי השכינה. וגדולה אהבתן לפני המקום
אסור

## טייערע פירונג פאר יעדער יוד

פא) **יגום.** א מענטש זאל זיך אויסמיידען פון נסים, ווייל טאמער וועט מען אים נישט טאן קיין נס,—
און אויב מען וועט אים טאן א נס, וועט מען אים אפ רעכענען פון זיינע זכות.—א מענש
וואס איז זייער שיין, און ער שטארקט זיך איבער דעם יצר הרע, איז זיין לוין גרעסער פון דעם
מענטש וואס שטארקט זיך איבער דעם יצר הרע גאר ער איז נישט זייער קיין שיינער (קג):

פב) **עני.** א ארימאן וואס גיט אוועק א מציאה וואס ער האט געפינען, איז זיין לוין גרעסער פון א רייכען וואס גיט
א מציאה וואס ער האט געפונען—אזוי איז אויך אויב א רייכער האט געפינען א מציאה און גיט איר נישט אוועק
איז זיין שטראף גרעסער פון א ארימאן וואס האט געפינען א מציאה און ער גיט איר נישט אוועק (קד):

פג) **כל.** יעדער מצוה וואס מען פארשט נישט און מען לויפט ניט איר צו טאן, זאלסט דוא פארשטיין
און לויפען איר טאן, ווייל זי איז אזוי ווי א מת מצוה. און זי איז מקטרג פאר גאט פאר
וואס איז זי ערגער פון אלע מצות (קה):

פד) **אסור.** מען טאר נישט אויפהאלטען דעם דאווענען פון א צבור. אדער נישט לאזען אריין שטעלען
די ספר תורה צוריק אין ארון, אויב דאס איז נישט לויט'ן דין (קז, קח):

פה) **יש.** א ספר בעדארף מען נעמען מיט דער רעכטער האנד (קט):

פו) **אסור.** אום שבת טאר מען נישט ריידען קיין שמערצליכע רייד, אויך טאר מען נישט ריידען קיין
פוסטע רייד, און מיט שוועריקייט האבען די חכמים ערלויבט פרעגען שלום אום שבת (קי):

פז) **יש.** מען בעדארף אפ גיסען אביסעל וואסער פון דער כלי וואס מען טרינקט, דאס בעדארף מען
אפ גיסען איידער מען זאגט דיא ברכה. אבער נישט נאכדעם ווי מען האט געזאגט די
ברכה—אויב א רבי וויל געבין זיינעם א תלמיד פון די וואסער וואס ער האט געטרינקען בעדארף ער
אפ גיסען אביסעל וואסער, אין נאכדעם געבען דעם תלמיד צו טרינקען (קיא):

פח) **מקרה.** דאס וואס עס קומט עפעס א אומגליק אויף א צדיק, איז דאס צוליעב די זינד פון דור (קיג)

פט) **המשנה.** אז א מענטש פארענדערט דעם מנהג פון דיא פיוטים, דהיינו מען איז געוואהנט צו
זאגן די פיוטים פון קליר, און ער זאגט אנדערע פיוטים, איז ער עובר אויף דעם לאו
פון אל תשיג גבול עולם (זאלסט נישט איבערמאכען דעם אמאליגען גרענעץ) (קיד):

צ) **כשרבה.** אז מען שרייבט א ספר תורה און אויף איין אות איז דא פיעל טינט. זאל ער מיט
דעם טינט נישט שרייבען קיין אות פון שם. און אזוי אויך אז עס איז דא פיעל טינט אויף
א אות פון שם. זאל ער מיט דעם טינט נישט שרייבען קיין אנדער אות (קטו):

צא) **בל"ו.** אין זעקס און דרייסיג ערטער זענען די יודען געבאטען געווארין ליעב האבען דעם גר.
וואס

## קיצור ספר החסידים

יותר מאהבת ישראל (קטז):

צב) **ישראל** ששומע שאומרים עליו שהוא נכרי. צריך שיאמר ישראל אני. (אם לא במקום סכנה.) (קיז):

צג) **אסור** ליתן יין למי שעסקו עם הנשים. ומצוה ליתן יין למי שמצטער ואיננו יכול ללמוד ולהתפלל ומחמת היין מתפלל בכוונה כו׳ (קיח):

צד) **הדר** עם חבירו ועינו רעה בשל חבירו נקרא גזלן (קיט):

צה) **אסיר** לדבר עם מלמדי תנוקת שלא יבטלם מלמודם (קכד):

צו) **מי** שאינו צריך לבריות ולוקח מהם אינו נפטר מן העולם עד שיצטרך לבריות (קכה):

צז) **הרי** שהיתה אשה טובעת בנהר. ואומר איך אלך ואצילה ואראה את ערותה. הרי זה חסיד שוטה. ויענש ע״ז (קכו):

צח) **לא** יאכל אדם אא״כ רעב, ולא ישתה אא״כ צמא. ולא ישהה נקביו בין קטנים בין גדולים אפילו שעה אחת שהוא סכנה (קכז):

צט) **יותר** יש לאדם לקנות ארגז נאה להצניע שם ספרים ותפילין משיצניע שם כספו וזהבו. התנאה לפניו במצות. לולב. אתרוג. סוכה. טלית. ציצית נאים. וכן לכל מצות ה׳ (קכט):

ק) **יש** אדם שאינו זכאי והקב״ה מקבל תפלתו מפני תוקף תחנוניו ודמעת עיניו (קל):

קא) **אם** שואל אדם ושופך נפשו לה׳ על למוד תורה ושאר מצות. הקב״ה שומע תפילתו אעפ״י שאין בידו מע״ט (קלא):

אל

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

וואס האט זיך מגייר געווען.—גאט׳ס ליעבשאפט צו גרים איז גרעסער וויא צו יודען (קטז):

צב) **ישראל.** אז א יוד הערט אז מען זאגט אויף אים אז ער איז א עכו״ם בעדארף ער זאגען, ניין, איך בין א יוד (סיידען עס איז דארטען א געפערליך ארט) (קיז):

צג) **אסור.** מען טאר נישט געבען טרינקען וויין דעם מענטש וואס האנדעלט מיט ווייבער.—עס איז א מצוה צו געבען טרינקען וויין דער מענטש וואס האט שמערצען און קאן נישט לערנען און דאווענען, און דורך דעם וועט ער דאווענען און לערנען מיט כוונה (קיח):

צד) **הדר.** אז א מענטש וואהנט מיט זיין חבר, און זיין אויג פערגינט אים נישט, ווערט ער אנגערופען א רויבער (קיט):

צה) **אסור.** מען טאר נישט רעדין מיט א מלמד בשעת ער לערינט מיט קינדער, כדי ער זאל נישט מבטל זיין פון לערנען (קכד):

צו) **מי.** דער מענטש וואס בעדארף נישט נעמען קיין נדבה פון מענטשען. און ער נעמט יא, וועט ער נישט שטארבען ביז ער וועט ווירקליך בעדארפען אן קומען צו נעמען נדבות פון מענטשען (קכה):

צז) **הרי.** אויב עס טרינקט זיך א פרוי. און א מענטש וואס זעהט דאס זאגט ווי אזוי קאן איך איר ארויס ראטעווען זיא איז דאך נאקעט, דער מענטש איז א נארישער חסיד. און מען וועט אים דערפאר שטראפען (קכו):

צח) **לא.** א מענטש זאל עסען נאר ווען ער איז הונגעריג. און ער זאל טרינקען נאר ווען ער איז דארשטיג און זאל זיך נישט איין האלטען. אפילו א סעקונדע, דיא מענטשליכע-באדערפעניש. סיי די קליינע, און סיי דיא גרויסע, דען דאס איז געפעהרליך (קכז):

צט) **יותר.** א מענטש בעדארף בעסער קויפען א שיינע שאנק צו האלטען דארט זיינע ספרים און תפילין, איידער צו האלטען דארט זיין זילבער און גאלד.—מען בעדארף זיך פאר גאט אויספיינען מיט מצות. קויפען א שיינעם לולב. א שיינעם אתרוג. א שיינע סוכה. א שיינעם טלית. שיינע ציצית, און אזוי בעדארף מען ביי אלע מצוות קויפען דאס שעהנסטע (קכט):

ק) **יש.** עס טרעפט זיך א מאל א מענטש וואס ער איז נישט זייער ערליך. פון דעסטוועגען ערפילט גאט זיין גיבעט, צוליעב זיין פיעל בעטען און צוליעב די טרערען פון זיינע אויגען (קל):

קא) **אם.** אויב א מענטש בעט און פערלאנגט פון גאט אויף לערנען תורה און אנדערע מצות, הערט גאט זיין גיבעט, חאטש ער האט נישט גיטאן קיין גוטע מעשים (קלא):

אל

## קיצור ספרי החסידים

קב) אל תיקח עצה מן האדם שאתה חושדו שיועצך לפי דרכו (קלג):
קג) תן עצה נבונה אפילו לשונאך (קלד):
קד) אל תשאל עצה מאשתך בדבר מצוה. ובמלי דעלמא אשתך גוצא גחין ולחיש לה (קלה):
קה) אפילו כשבועם לדבר מצוה. יהי דעתו מיושבת עליו (קלז):
קו) אם שמעת שמלמד אחד מלמד טעות לתלמידים לא תשפוך דמו. כ"א תספר בצנעה לאחד
מקרוביו כו׳ (קלט):
קז) אל ישים ספרי תלמוד על מקרא׳ ולא יכסה ספרים בניירות שכתוב בהם דברי הבאי (קמא):
קח) אם תתוכח עם חכם לא תצטער אם נצחך. כי הרווחת. שידעת עתה. מה שמקודם לא
גודע לך (קמב):
קט) אין גוזרין ב׳ חרמות ביום אחד. ואין עושין חרם אלא ביום. ולא בלילה (קמג):
קי) מכל הרווחה שיגיע לו לאדם. הן מציאה. או שארי דברים יעשר מזה ויתן לעניים (קמד):
קיא) הכועס רע מאוד. וגם מת קודם זמנו (קמה):
קיב) אם הביא אדם א"ע לידי חשד ימחול לכל החושדים אותו שהוא גרם להם (קמו):
קיג) אסור לומר המקראות בדרך לצים ושיר. ואסור להפסיק באמצע הפסוק (קמז):
קיד) לעינים יש גבינין לכסות שלא יראה בערות וביוצא. לאזנים אליית האוזן ואצבעות משופות
לסתום

### טײַערע פירהרונג פאר יעדער יוד

קב) זגל. זאלסט נישט נעמען קײן עצה פון אמענטש וואס די ביסט אים חושד אז ער גיט דיר דיא
עצה לויט זײַן געדאנק (קלג):
קג) תן. אמענטש בעדארף געבען אריכטיגע עצה אפילו זײַן פײַנד (קלד):
קד) אל. זאלסט נישט פרעגען קײן עצה פון דײַן ווײַב אויף א מצוה-זאך. אבער אין וועלטליכע-זאכען
אויב דײַן ווײַב איז א פילו א נידעריגע, זאלסטו זיך צו איר אײַן בײַגען און פרעגען איר
(קלה):
קה) אפילו. אז א מענטש איז אין כעס צוליעב א מצוה זאך, פון דעסטוועגען זאל ער זײַן בײַם בעסטען
פערשטאנד (קלז):
קו) אם. אויב די הערסט פון א מלמד וואס טײַטשט נישט גוט זײַנע תלמידים. זאלסטו אים נישט זא-
גען און פארשעמען, נאר דוא זאלסט דאס רעדן צעהלען שטילערהײט זײַנעם א קרוב (קלט):
קז) אל. א מענטש זאל נישט לײגען גמרות אויף פס קים,—אויך זאל ער נישט אײַן וויקלען ספרים
אין פאפיר וואס עס איז אויף געשריבען נארישקײַט (קמא):
קח) אם. אויב די האסט זיך געשפארט מיט א חכם וועגען א זאך. און ער האט דיר איבער געש-
פארט. זאלסטו דערפון נישט האבען קײן שמערצען, ווײַל די האסט דאך דערמיט פערדיענט
אז דיא ווײסט ערשט דאס וואס דיא האסט פריהער נישט געוויסט (קמב):
קט) אין, מען איז נישט גוזר צווײַ חרמות אין אײַן טאג,—מען איז גוזר א חרם נאר בײַטאג אבער
נישט בײַ נאכט (קמג):
קי) מכל. פון יעדער פערדינסט וואס א מענטש פערדיענט, סײַ ער געפינט, אדער ער פערדיענט
זאל ער געבען מעשר ארימע לײַט (קמד):
קיא) הכועס אז א מענטש איז אין כעס איז דאס פאר איהם זײער שלעכט. און דורך דעם
שטארבט ער פאר די צײַט (קמה):
קיב) אם. אויב א מענטש האט אויף זיך ארויף געצויגען עפעס א חשד. זאל ער מוחל זײַן אלעמען
וואס האבען אים חושד גיוועזן. ווײַל ער זעלבסט האט דאך גיבראכט אויף זיך דער
חשד (קמו):
קיג) אסור. מען טאר נישט זאגען דיא פסוקים אויף לצנות און גיזאנג, אויך טאר מען נישט
אויפהערען אין מיטן פסוק (קמז):
קיד) לעינים. דיא אויגען האבען ברעמען אויף צו דעקען זיי כדי ער זאל נישט זעהן קײן ערוה,
און

## קיצור ספר החסידים

שחוטא סתום שלא ישמע דבר עבירה. וללשון ב׳ חומות בשר ועצם שלא יחטא בלשונו. אבל מי
בהם פורץ גדר המלך וחייב מיתה (קמח):

קטו) **אפילו** אם יש לו מאה עבדים, יטרח בעצמו לתקן צרכי שבת (קמט):

קטז) **תענית** רשות אל ישלים בע״ש (קנ):

קיז) **המדבר** דב״י עבירה, ואומר ה יםחול לי, לא יאבה ה׳ סלוח לו (קנא):

קיח) **יש** לאב ואם למחול על כבודם שלא יענשו בניהם (קנב):

קיט) **יהי׳** אדם ערום ביראה. וידקדק בעצמו. מה שרצון ה׳ לעשות. או שלא לעשות (קנג):

קכ) **מצוה** לשנות ארבעים אבות מלאכות, שלא ישכח ויחלל שבת (קנד):

קכא) **כשיגיע** בנך ללמוד. קנה לו רב י״ש. התבונן כמו שהיצה״ר מערים למצוא תאות נפשך. כן
יהי׳ לחפצי שביב מצד היצ״ט. מצוה שיצה״ר מתגבר עלי׳ תקבל שכר יותר ממאה
מצות שאין יצה״ר מסיתך. אם יודע שאביו ואמו ואחיו עניים. ואינו מפרנסם. ומפרנס אחרים. לסוף
שלא יחזיקו לו טובה כלל. ויהפכו לו לשונאים. וכן אם אוהב מקצת בניו ומואס במקצתן, אותן שהוא
מואס בהן ירשו אותו (קנה):

קכב) **לפי** שאין מדקדקין ונושאים נשים שאחיהן ע״ה לכך פוסקת התורה מזרעם (קנו):

אסור

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

און רעסטגלייכען. דיא אויערען האבען א לעפל. און עס איז דא איינגעבויגענע פינגער, כדי מען זאל
זיי קענען פערשטאפען נישט צו הערען נארישע רייד. דיא צונג האט צוויי מויערן די ליפען און די
ציינער, כדי ער זאל נישט זינדיגען מיט די צונג. אבער דער מענטש וואס זינדיגט מיט זיי ברעכט
ער איף דעם צוים וואס דער קעניג פון אלע קעניגען האט אים צו יעדער זאך געמאכט. דרום איז
ער חייב מיתה (קמח):

קטו) **אפילו**. או א מענטש האט אפילו הונדערט קנעכט פון דעסטוועגען זאל ער זיך אליין באמיהען
אן גרייטען דיא שבת׳דיגע באדערפענישען (קמט):

קטז) **תענית**. א תענית וואס עס איז א רשות זאל ער אים פרייטאג נישט דערפאסטען (קנ):

קיז) **המדבר**. אז א מענטש רעדט נישט קיין ערליכע רייד און זאגט גאט זאל מיר מוחל זיין, וועט
אים גאט נישט מוחל זיין (קנא):

קיח) **יש**. א פאטער און א מוטער בעדארפען מוחל זיין אויף זייער כבוד, אום זייערע קינדער זאלען
נישט געשטראפט ווערען צוליעב זיי ווען זיי וועלען נישט ערפילען זייער עהרע (קנב):

קיט) **יהי׳**. אמענטש זאל זיין קלוג אין גאט׳ס פארכטיקייט.—און זאל זיין זייער פארזיכטיג. וועלכע
זאך האט גאט גיהייטען צו טאן. און וועלכע זאך האט ער גיהייסען נישט טאן (קנג):

קכ) **מצוה**. עס איז א מצוה צו לערנען דיא משנה (אין שבת) ארבעים מלאכות, כדי ער זאל זיי
נישט פארגעסען. וועט ער נישט מחלל שבת זיין (קנד):

קכא) **כשיגיע**. אז עס איז געקומען דיא צייט אז דיין זוהן האט אן געהויבען לערנען זאלסטו אים
דינגען א רבין א גאט׳ס פארכטיגען.—אזוי ווי דער יצר הרע טה׳ט אלע אויפטוהען אז
דוא זאלסט ערפילען אלע דיינע גליסטיקייט. אזוי זאלסטו ערפילען דעם פערלאנג פון יצר טוב צו
טאן אלע אויפטוהן צו ערפילען די גליסטיקייט פון גאט.—אזא מצוה וואס דער יצר הרע שטארקט
זיך איבער דיר און רעדט דיר איין אז דוא זאלסט איר נישט טאן. אויב די טהוסט איר וועסטו פאר
איר בעקומען לוין מיין פון הונדערט אנדערע מצות וואס דער יצר הרע רעדט דיר נישט אפ.—אויב
א מענטש ווייס אז זיין פאטער און מוטער ועגען ארימע לייט. און ער שפייזט זיי נישט. און ער שפייזט
פרעמדע. וועט דיא ענדע זיין אז די פרעמדע וועלען אים נישט דאנקען דערפאר. און זיי וועלען אים
נאך ווערען פיינד,—און אזוי איז אויב א מענטש האט ליעב נאר עטליכע קינדער או די איבריגע
פאר מיאוס׳ט ער. וועט זיין די ענדע אז דיא קינדער וואס ער פארמיאוסט וועלען אים ירשענען
(קנה):

קכב) **לפי**. ווייל מען איז נישט פארזיכטיג דאס מען נעמט ווייבער וואס זייערע ברידער זענען פראסטע
דרום ווערט אפגיהאקט דיא תורה פון זייערע קינדער (קנו):

אסור

# תורת החסידים הראשונים

## קיצור ספר החסידים

קכג) **אסור** להניח ספרים על מטה שיישן עליה, וכששימש מטתו ועדיין ש"ז להה אסור להזכיר שום דבר קדושה עד שישפשף במים (קנז):

קכד) **אפילו.** נוטלין חייו של אדם אל ימרוד במי שממית ומחי'. כשמתפלל יחשוב כל תיבה בכוונה כמבקש דבר מלפני מלך בו"ד (קנח):

קכה) **אם** עמדת בנסיון אל תחזיק טובה לעצמך. שמא זכות אבותיך הוא (קס):

קכו) **אם** עמדת בנסיון גדול אל תאמין בעצמך שמא למחר אין אתה עומד אפי' בנסיון קטן מזה (קסא):

קכז) **כמה** סימנים יש באברים של אדם. שמגידים עתידות. אם אתה היכך בכף רגל. או יד, אוזן, עין. לשון. מצח. חוטם (קסב):

קכח) **מוטב** שתהי' מנוצח מחבירך, כי לע"ל ינתן בידך (קסג):

קכט) **כל** צער שאדם מצטער בעוה"ז מנקין לו מעונותיו. והוא שלא יצטער מדבר עבירה כמו שאינו יכול לגנוב. ולגזול. ולנאוף. וכדומה. עבור עבירה אחת נפרעין ד' דורות. ועבור ב' עבירות ח' דורות כו' (קסד):

קל) **מי** שעובד ה' שלא ע"מ לקבל פרס אין הפסק לטובותיו. מדה טובה הוא ת"ק פעמים ממדת פורעניות (קסה):

קלא) **תקוני** תשובה היא בערך החטא (קסו):

קלב) **אל** תערב בניך ובנותך פן יחטאו (קסח):

### טייערע פירהונג פאר יעדער יוד.

מעשה

קכג) **אסור.** מען טאר נישט לייגען ספרים אויף א בעט וואס ער איז געשלאפען אויף איהר, און אויב ער האט משמש מטתו געווען און עס איז נאך דא פייכטע ש"ז, טאר ער נישט דערמאנען קיין יודישען ווארט. ביז ער וואשט און רייבט גוט ארום דאס ארט מיט וואסער (קנז):

קכד) **אפילו.** אז מען וויל אפילו צו נעמען ביי א מענטש זיין לעבען זאל ער נישט ווידערשפעניגען גאט. וואס ער מאכט לעבעדיג. און טויט,—אז א מענטש דאווינט, זאל ער יעדער ווארט וואס ער רעדט, פריהער גוט באטראכטען. איידער ער רעדט דאס ארויס. פונקט אזוי ווי ער וואלט געשטאנען און געבעטען פון א מלך א געבוירענעם מענטש (קנח):

קכה) **אם.** אויב א מענטש איז ביי געשטאנען א נסיון, זאל ער זיך נישט גרויס האלטען ווייל טאמער איז דאס דער זכות פון זיינע עלטערען (קס):

קכו) **אם.** אויב א מענטש איז ביי געשטאנען א גרויסען נסיון, זאל ער זיך פון דעסטוועגען נישט גלויבען, ווייל טאמער מארגען וועסטו נישט קאנען ביישטיין אפילו א קלענערען נסיון (קסא):

קכז) **במה.** פיעל צייכענס איז דא אויף די גלידער פון מענטשען. וואס זיי זאגען קונפטיגע זאכען. אויב עס רייבט אים אין פוס. אדער האנד. אדער אויער, אדער אויג. אדער צינג, אדער שטערן, אדער נאז (קסב):

קכח) **מוטב.** עס איז בעסער אז דיין חבר זאל דיר איבער שפארען, ווייל בעולם הבא וועט דער חבר ווערען איבער געגעבען אין דיין האנד (קסג):

קכט) **כל.** אלע שמערצען וואס א מענטש האט אויף דער וועלט, ווערט אים אבגערעכנט פון זיינע זינד. דאס איז נאר אויב די שמערצען זענען נישט פון זינדיגע זאכען, דהיינו דערפון וואס ער קען נישט גנב'נען, אדער גזל'נען און דעסגלייכען.—פאר איין עבירה בעצאלט מען פיער דורות און פאר צוויי עבירות באצאלט מען אכט דורות (קסד):

קל) **מי.** א מענטש וואס דינט גאט נישט צוליעב נעמען דערפאר לוין, איז גאר נישטא א ברעג צו זיין גוטסקייט וואס ער וועט בעקומען.—א גוטע מדה איז בעסער פון א שלעכטע מדה מיט פינף הונדערט מאל (קסה):

קלא) **תקוני.** די תשובה בעדארף זיין לויט די זינד (קסו):

קלב) **אל.** מען טאר נישט צוזאמען לאזען דיינע קינדער און טעכטער צוזאמען, טאמער וועלען זיי דורכרעס

מעשה

## קיצור ספר החסידים

ואין אחד הראש. ושיש לעשות סייג לעושי עבירה (קעט):

קלט) **אל** ישב במקום שאוכלים כשיש להם בושת (קפ):

קמ) **מי** שבני אדם מצערים אותו יחשוב שהוא מחמת עוונותיו (קפג):

קמא) **יזהר** אדם שלא יהי׳ כפוי טובה. כי ממהרים לפרוע ממנו (קפה):

קמב) **מעשה** באחד שנולד עם שיניים וזנב (קפו):

קמג) **אם** יש לאדם בן או תלמיד רשע. וירא שלא יקלקל בניו ותלמידיו האחרים יגרשו מפני תקנת האחרים (קפט):

קמד) **לא** נתגלה בתורה שמות מלאכים. שלא יעשום אלקות (קצב):

קמה) **מותר** לאיש ללבוש בגדי אשה. ולאשה בגדי איש. במקום סכנה (ר. רא):

קמו) **מי** שהמיר דתו וקבל עליו לעשות תשובה כאשר יורוהו. מותר מיד לשתות יינו ולצרפו לכל דבר שבקדושה (רג):

קמז) **אם** אחד עוסק בהשבעות ומעשה שדים. גורם לבניו שימירו (רד):

קמח) **לא** יעשו העכו״ם רעה אא״כ יעשו ישראל ול״ו תחילה (רט):

קמט) **ת״ח** שהאריך ימים מפני שהוסיף על דקדוקי תורה (רי):

קנ) **אם** ראית חסידים שלוקים. לפי שלא ביקשו רחמים על אחרים. או מתחברים לרשעים. אם ראית

## טייערע פירונג פאר יעדער יוד

קלח) **אל**. א מענטש זאל נישט וואהנען וואו עס איז דא אויף-געקליבענע פאמיליעס, וואס זיי נעמען נישט צו קיין שטראף.—אויך זאל מען נישט וואהנען אין דער שטאדט וואו עס איז דא פיעל הארין און עס איז נישטא איין עלטסטער.—און מען בעדארף מאכען אצוים צו די זינדיגע מענטשען (קעט):

קלט) **אל**. א מענטש זאל זיך נישט זעצען וואו מענטשען עסען און זיי שעמען זיך דאדורך (קפ):

קמ) **מי**. אז מענטשען טוהען עמיצן אן שמערצען זאל ער זיך טראכטען אז דאס איז צוליעב זיינע זינד (קפג):

קמא) **יזהר**. א מענטש זאל זיין געהיט צו זיין דאנקבאר, ווארום אויב נישט הײלט מען זיך אים דערפאר באצאהלען (קפה):

קמב) **מעשה**. עס האט זיך א מאל געטראפען א מענטש איז געבוירען געווארען מיט צייהן און מיט אג׳עק (קפו):

קמג) **אם**. אז א מענטש האט א זוהן אדער א תלמיד וואס איז א רשע, און ער האט מורא אז ער זאל נישט קאליע מאכען זיינע איבעריגע קינדער אדער תלמידים, זאל ער אים ארויס טרייבען צוליעב יענע קינדער (קפט):

קמד) **לא**. אין דער תורה שטייט נישט די נעמען פון די מלאכים, אום מען זאל זיי נישט מאכען פאר געטער (קצב):

קמה) **מותר**. א מאנספערזאן מעג אן טאהן ווייבערשע קליידער, און א פרוי מעג אן טאהן קליידער פון א מאנספערזאן ווען און וואו, עס איז געפעהרליך (ררא):

קמו) **מי** א מענטש וואס האט זיך געשמדט, נאר דערנאך האט ער אויף זיך גענומען טאן תשובה אזוי וויא מען וועט אים לערנען, מעג מען באלד טרינקען זיין וויין און מען מעג אים צורעכענען צו א מנין (רג).

קמז) **אם**. אויב א מענטש בעשעפטיגט זיך מיט בעשווערען שדים און דערגלייכען ברענגט ער דער-מיט אז זיינע קינדער זאלין זיך שמדין (רד):

קמח) **לא**. די עכו״ם טוהען נישט קיין שלעכטס די יודען, ביידען פריהער האבען די יודען זיך זעלבסט איינער דעם צווייטען שלעכטס געטאן (רט):

קמט) **ת״ח**. אויב א למדן האט לאנגע יאהר איז דאס ווייל ער האט געמערט דקדוקים אויף דער תורה (רי):

קנ) **אם**. אויב די זעה׳ט ערהליכע מענטשען וואס ווערען געשלאגען איז דאס ווייל זיי האבען נישט געבעטין דערב׳ ימדיקייט אויף פרעמדע, אדער זיי באהעפטען זיך צו רשעים, — אויב די

## קיצור ספר חסידים

ראית מלך לוקח מס הרבה לפי שלא ריחמו על עניים (ריא):
קנא) **יש** דבר וחרב לכלות ממזרים. וכדי שלא לביישם מתים גם אחרים עמם (ריג):
קנב) **יש** עשיר מתחבר ומתחתן עם צדיק. ואח"כ אינו מצליח. שנהג עם הצדיק שלא כדין. או
הוכיחו ולא שמע לו (רטו):
קנג) **יש** רשע שבזכות אבותיו נעשה עשיר כדי שיתחתנו עמו צדיקים או אפשר לפי שהיו מבזין אותו (רטז):
קנד) **המצער** בצער חבירו אם אח"כ הוא עצמו בא לאותו צער. הקב"ה מושיעו. בזכות שציער א"ע
בצער חבירו (ריח):
קנה) **אם** עכו"ם דוחקים לאדם לאכול בשר נבילה. ואם לאו יהרגו אותו. אם רוצה ליהרג ולא
לאכול רשאי (ריט):
קנו) **כשהולכים** העכו"ם לבית תפילתם אסור ליהודים לילך עמהם לבית תפילתם (רכא):
קנז) **מי** שגמר בלבו ליהרג על קדה"ש. חלקו בג"ע כאלו נהרג (רכב):
קנח) **רשע** שקבור בין צדיקים. רע להם ביותר (רכג):
קנט) **תענית** חלום צריך לעשות בו תשובה ואם לאו אינו מועיל (רכו):
קס) **טעם** על תענית יארצייט. כי יש לצום על מיתת אדם חשוב, ועוד טעם לפי שהאב והבן גוף אחד ודין
שיצטערו הבנים (רלא):
קסא) **אסור** לצעוק על אדם בשעה שהוא גוסס שתשוב נפשו בו. כי אינו יכול לחיות רק מעט.
ואותן

### טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד.

זעהסט א קעניג וואס נעמט זעהר פיעל שטייערין איז דאס וויל מען האט נישט געהאט רחמנות אויף
אָרימע לייט (ריא):
קנא) **יש.** עס ווערט א מאל אויף דער וועלט א מגיפה צוליעב דעם עס זאלען אויסשטארבען די
ממזרים, און כדי זיי זאלען נישט פערשעמט ווערען שטארבען מיט זיי אויך אנדערע (ריג):
קנב) **יש.** עס טרעפט זיך א מאל א רייכער מענטש איז זיך מתחתן מיט א צדיק און דערנאך פער-
ליערט דער רייכער מענטש די הצלחה דערפאר וואס ער האט זיך געפיהרט מיט דעם צדיק
נישט וויא עס בדארף צו זיין, אדער דער צדיק האט אים געשטראפט און ער האט אים נישט געפאלגט (רטו):
קנג) **יש.** עס טרעפט זיך א מאל אז א רשע צוליעב דעם זכות פין זיינע עלטערען ווערט ער רייך,
אום עס זאלען זיך מיט אים צדיקים מתחתן זיין, אדער די צדיקים זענען זיך מיט עם מתחתן
דערפאר וואס זיי האבען אים מבזה געוועזן (רטז):
קנד) **המצער.** אז א מענטש איז זיך מצטער אין זיין חבר'ס צער. איז אויב דער צער טרעפט זיך
אים א מאל, העלפט אים גאט אין דעם זכות וואס ער האט זיך דאמאלט מצער געוועזן אין
א פרעמדענס צער (ריח):
קנה) **אם.** אויב עכו"ם נויטען א יוד אז ער זאל עסען פלייש פין א נבילה, און אויב נישט וועלען זיי
אים הרג'נען, מעג ער זיך לאזען הרג'נען און נישט עסען (ריט):
קנו) **כשהולכים.** אז די עכו"ם גייען אין זייער גיבעט-הויז טארען די יודען נישט גיין מיט זיי (רכא):
קנז) **מי.** דער מענטש וואס האט ביי זיך באשלאסען גיהרג'ט צו ווערען אויף קידוש השם, איז האטש
ער איז נישט גיהרג'ט גיווארען, פין דעסטוועגען באקומט ער זיין חלק אין גן-עדן פינקט
אזוי וויא ער וואלט טאקי גיהרג'ט גיווארין (רכב):
קנח) **רשע.** אז א רשע איז באגראבען צווישען צדיקים איז זיי זייער שווער (רכג):
קנט) **תענית.** אז מען פאסט א תענית אויף א חלום בעדארף מען אויך טאן תשובה. און אויב נישט
העלפט נישט דער תענית (רכו):
קס) **טעם** דער טעם פאר וואס מען פאסט אין טאג פין יאהרצייט, וויל מען בדארף פאסטין
דעם טאג וואס עס איז געשטארבען א איידעלער מענטש, נאך א טעם וויל דער פאטער
און דער זון זענען איין קערפער דארום בעדארף זיך דער זון דעם טאג מצער זיין (רלא):
קסא) **אסור.** מען טאר נישט שרייען בשעת א מענטש איז גוסס, כדי די נשמה זאל זיך צוריק קעה-
רען, וויל ער קאן נישט לעבען נאר עטליכע טעג, און די עטליכע טעג וועט ער ליידען
שרעקליכע יסורים (רלד)
מי

# תורת החסידים הראשונים

## קיצור ספר חסידים

ואותן ימים סובל יסורין (רלד):
קסב) מי שראה דמות אדם שמת ויודע שהוא מת ירוק עליו ויאמר טמא טמא ברח מכאן ויברח
מעליו (רלה):
קסג) כשמת לאדם מת לא יצטער ביותר מדאי. ולא ינשקנו. ואין לומר שיוליבוהו לבית הקברות
עמו (רלו):
קסד) אין מנגנים לתינוק גיגונים של ע״ז. ולא נגונים שהם להקב״ה. אם לא שמנגן כדי שלא ישכח.
וניגוני ע״ז לא ינגן להקב״ה. ולא ילמד לעכו״ם זמר נעים פן ינגן לע״א שלו (רלח):
קסה) הנהנה מחבירו צריך להתפלל עליו. אפילו לאחר יב״ח צריך להתפלל על מת בכל חודש. כי
אז מהפכים אש של גיהנם (רמא):
קסו) יש אדם שכל הקוראים בשמו מצליחים וחיים וקיימים. ויש להיפך. לכך אם שני אחים קראו שם
בניהם אחר אחד ומתו אסור לקרות עוד על שם זה אפילו הוא צדיק (רמד):
קסז) יש שנגזר עליו שימות. ויבוא חבירו לאביו כי יקח אותו בככר לחם ובבשר ויין. ויאמר שלי
הוא ויחי. או בשינוי השם (רמה):
קסח) רוב בנים אחרי אחי האם. וגם אחר זקינם. רוב נקיבות אחר אמם. ד׳ אחים. או ד׳ אחיות
גשואות סכנה לדור בעיר אחת. שינוי מקום גורם לפרנסה. ושלא ימותו בניו (רמז):
קסט) ש״ץ צריך טבילה קודם התפילה (רמח):
קע) מי שקינח חוטמו באצבעותיו לא יתפלל ולא ידבר שירות ותשבחות עד שיקנח, אסור להביט
ברוק

## טײַערע פירהרונג פאַר יעדער ייד

קסב) מי. אז א מענטש האָט געזעהן א געשטאַלט פין א געשטאָרבענעם מענטש און ער ווײסט אז ער
איז געשטאָרבען, זאָל ער אויף איהם שפײַען און ער זאָל זאָגען, טמא! טמא! אנטלויף פון
דאַנען, וועט ער אנטלויפען (רלה):
קסג) כשמת. אז עמיצען שטאַרבט א מת, זאָל ער זיך נישט צופיעל מצער זײַן. און ער זאָל איהם
נישט קושען. און ער זאָל נישט זאָגען מען זאָל אים מיט פיהרען מיט אים (רלו):
קסד) אין. מען טאָר נישט זינגען פאַר א קינד ניגונים פון עבו״ם, אויך טאָר מען נישט זינגען פאַר
א קינד ניגונים וואָס מען זינגט פאַר גאָט. סײַדען ער זינגט זײ אז ער זאָל זײ נישט פאַר
געסען.—דיא ניגונים פון עכו״ם טאָר מען נישט זינגען פאַר גאָט.—אויך טאָר מען נישט אויסלערנען
א עכו״ם זינגען א שײנעם ניגון, טאָמער וועט ער אים זינגען פאַר זײַן עכו״ם (רלח):
קסה) הנהנה. אז א מענטש האָט פון עמיצען הנאה בדאַרף ער פאַר איהם בעטען.—אפילו נאָך צוועלף חדשים
בדאַרף מען בעטען אויף א געשטאָרבענעם אלע ראש חדש ווײַל דאַמאָלט דרײַט מען
איבער דעם פײַער פון גיהנם (רמא):
קסו) יש. עס טרעפט זיך א מאָל א מענטש וואָס אַלעמען וואָס מען רופט זײַן נאָמען באַגליקען. און
לעבען און זענען שטאַרק. און עס איז דאָ פאַרקערט. דרום אויב צווײ ברודער האָבען א
נאָמען געגעבען זײערע קינדער נאָך עמיצען און די קינדער זענען געשטאָרבען, טאָרען זײ שוין מעהר
נישט א נאָמען געבען זײערע קינדער דעם נאָמען, אפילו יענער איז געווען א צדיק (רמד):
קסז) יש. עס טרעפט א מאָל אז עס איז אויף עמיצען נגזר געוואָרען ער זאָל שטאַרבען, קומט זײַן
חבר צום פאָטער, און ער קויפט אָפּ דעם זוהן פאַר א ברויט און פלײש און ווײַן. און ער
זאָגט אַז דאָס איז מײַן זוהן. און ער לעבט, אָדער מען גיט דעם זוהן א אַנדער נאָמען (רמה):
קסח) רוב. דאָס רוב קינדער זענען אַזוי וויא דיא ברידער פון זײער מוטער, אויך זענען דיא קינדער
אַזוי וויא זײער זײדע.—דאָס רוב נקיבות זענען אַזוי וויא זײער מוטער.—פיער ברידער
אָדער פיער שוועסטער וואָס האָבען חתונה געהאַט איז א סכנה אז זײ זאָלען וואָהנען אין איין שטאָדט.
—אז מען פאַרענדערט דאָס אָרט פון וואָהנונג איז דאָס א גורם צו האָבען פרנסה. און אז די קינדער
זאָלען נישט שטאַרבען (רמז):
קסט) ש״ץ. א חזן בעדאַרף זיך טובל זײַן פאַר׳ן דאַווענען (רמח):
קע) מי. ווער עס האָט אָבגעווישט דעם נאָז מיט זײַנע פינגער, טאָר ער נישט דאַווענען ביז ער ווישט
אָפּ

## קיצור ספר החסידים

ברוק ודבר מאוס. בעת התפילה. ואם מ־פל׳ ויש לפניו רוק בו׳ לא ישוח ביותר שלא
יתקרב לדבר מאוס (רנב):
קעא) **המברך** ברכות התורה ושאר ברכות בלחש. נקרא חוטא וגזל שהרי תרי״י קולות לא תמצא
אלא עם אמן (רנד):
קעב ) **לאחר** שקרא בתורה ינשקנה (רנה):
קעג) **יהודי** ששלח בשליחות לעכו״ם יכול לבקש להשי״ת שישוב לשלום (רנז):
קעד) **דבר** שבנ״א תופסים לסכנה. אפילו אינו סכנה. מזיק. כשילמוד פרק מי שמתו. ומסכת מו״ק
יהי׳ בחשאי (רסא):
קע־) **אל** ידור אדם במקום שהשוק של עכו״ם בשבת (רסב):
קעו) **אדם** שאוכל שומשמן אחר אכילתו הוא מעלה גרה כבהמה כל היום. לכך לא יאכל בשבת
שומשין אחר האכילה. שמא יצא לרשות הרבים ומאכל בפיו (רסה):
קעז) **אסור** לומר בשבת נישון כדי שנוכל לעשות מלאכה במוצ״ש (רסו):
קעח) **מי** שבגדיו מטונפים מוטב שלא יתפלל כל עיקר (רסז):
קעט) **מצוה** לרנן בשבת. ושיהי׳ אור בבית. וישמח מאוד (רעא):
קפ) **לא** ינער תפילין מהתיק (רעג):
קפא) **אם** נגע בידו בבשרו ירחוץ ידיו ואז יגע בספר (רעד):

## טײַערע פירהרונג פאַר יעדער יוד

זסור

אַפ די פינגער.—מען טאָר נישט קוקען אין שפײַעכץ. אָדער אַ מיאוסע זאַך. בשעת׳ן דאַוונען.—אויב
ער דאַווינט און עס איז דאָ אַנטקעגען אים שפײַעכץ. זאָל ער זיך נישט צופיעל אײַן בײגין. כדי ער זאָל
זיך נישט דערנענטערן צו דער מיאוס׳ה זאַך (רנב):
קעא) **המברך**. דער מענטש וואָס זאָגט שטילערהײד אַלע ברכות אָדער די ברכות אויף דער תורה
ווערט ער אָנגערופען אַ זינדיגער און אַ גזלן. ווײַל זעקס הונדערט און צעהן קולות
ווערסטו נישט געפינען נאָר מיט אמן (רנד):
קעב) **לאחר**. נאָכדעם וויא מען האָט געלײענט אין דער תורה זאָל ער איר געבען אַ קוש (רנה):
קעג) **יהודי**. אז אַ יוד האָט געשיקט אַ עכו״ם מיט אַ שליחות מעג ער בעטין אז ער זאָל צוריק
קומען געזינטערהײד (רנז):
קעד) **דבר**. אזאַך וואָס מענטשען האַלטען פאַר געפעהרליך. אפילו דאָס איז נישט קײן סכנה. פון
דעסטוועגען שאַדט דאָס.—אז ער לערינט דעם פרק מי שמתו. און די מסכת מועד
קטן זאָל ער דאָס לערנען בעהאַלטענערהײד (רסא):
קעה) **אל**. אמענטש זאָל נישט וואָהנען אין אַ אָרט וואו דער מאַרק איז אום שבת (רסב):
קעו) **אדם**. אַ מענטש וואָס עסט קנאָבּיל נאָכ׳ן עסין איז ער אַגאַנצען טאָג מעלה גירה, אזוי וויא
אַ בהמה. דרום טאָר מען אום שבת נישט עסען קײן קנאָבּעל נאָכ׳ן עסען. טאָמער וועט
ער אַרויס גײן און גאַס. און דאָס עסענוואַרג וועט זײַן בײַ אים אין מויל. וועט ער חייב זײַן אויף
הוצאה בשבת (רסה):
קעז) **אסור**. אום שבת טאָר מען נישט זאָגען מיר ערשט שלאָפען כדי שבת צו נאַכט זאָל מען
קענען טאָן אַ אַרבּעט (רסו):
קעח) **מי**. ווער עס האָט אײַן געמאַכטע קלײדער מיט אומרײַנקײט. איז גלײַכער אז ער זאָל גאָר
נישט דאַוונען (רסז):
קעט) **מצוה**. עס איז אַ מצוה אז שבת זאָל מען זינגען. און עס זאָל זײַן ליכטיג אין שטוב. און ער
זאָל זיך שטאַרק פרעהען (רעא):
קפ) **לא**. אַ מענטש זאָל די תפילין נישט אַרויס וואַרפען פון בײַטעלע, נאָר ער זאָל זײ אַרויס
נעמען (רסז):
קפא) **אם**. אויב אמענטש האָט אָן גערירט זײַן האַנד אין לײַב. זאָל ער פריהער וואַשען די הענד
דערנאָך אָן רירין אין אַ ספר (רעד):

אסור

## קיצור ספר החסידים

קפב) **אסור** להכות תלמיד בספר (רעו):

קפג) **אסור** להשתמש בכלים שעליהם צורות. אלא יגררם (רעז):

קפד) **הנותן** מס באמת ויושר. נוטל בג"ע חלק של מי שאינו נותן ביושר. וכן אם גזרו חרם שיתן כך וכך מליטרא כו׳ (רעח):

קפה) **אין** להניח לעכו"ם לתפור ס"ת (רעט):

קפו) **עכו"ם** שקושר ספרים יותר יפה מיהודי יש ליתן לו לקשור (רפ):

קפז) **כשאדם** כותב ד"ת ומוציא מפיו השדים מברכין אותו (רפד):

קפח) **אל** תקנא למי שגדול ממך. ואל תבוז למי שקטן ממך (רפז):

קפט) **שנים** שמתוכחין לנצח זה לזה אל תלמדם (רפח):

קצ) **הלומד** לקנטר הוא רשע גמור. לעולם יעסוק אדם בתורה ומצות שלא לשמה (רפט):

קצא) **אם** אדם רואה. שאחר שהתחיל ללמוד עם תלמיד באו עליו יסורים וטרדות אל ילמוד עמו (רץ):

קצב) **אדם** שבא אליו אפיקורס להתוכח אם יודע שינצחנו יתוכח עמו ואם לאו אל יתוכח עמו (רצו):

קצג) **הקורא** שנים מקרא ואחד תרגום מאריכין לו ימיו ושנותיו (שא):

קצד) **לא** ישנה ניגון של תורה לנו"כ. ושל נביאים לתורה ולכתובים ושל כתובים לתורה ונביאים שהכל הללמ"מ (שב):

בעוד

### טייערע פירהונג פאר יעדער יוד

קפב) **אסור**. מען טאר נישט שלאגען א תלמיד מיט א ספר (רעו):

קפג) **אסור**. מען טאר נישט ניצען כלים וואס אויף זיי איז אויסגעמאלט גישטאלטען. נאר מען בעדארף זיי אפ רייבען (רעז):

קפד) **הנותן**. דער מענטש וואס גיט צינז ריכטיג און מיט גירעכטיקייט. נעמט ער אין גן עדן דעם חלק פון דעם מענטש וואס גיט נישט ריכטיג. און אזוי איז אויך אז מען האט גוזר געווען מיט א חרם אז מען זאל אזויפיעל געבען פון יעדער פונט וכו׳ (רעח):

קפה) **אין**. מען טאר נישט געבען א עכו"ם נעהען א ספר תורה (רעט):

קפו) **עכו"ם**. אז א עכו"ם בינד איין ספרים שענער פון א יודישען איינבינדער מעג מען אים געבען איינבינדען (רפ):

קפז) **כשאדם**. אז א מענטש שרייבט דברי תורה. און רעדט ארויס יעדער ווארט מיט'ן מויל, בענטשען אים די שדים (רפד):

קפח) **אל**. זאלסט נישט מקנא זיין דעם מענטש וואס איז גרעסער פון דיר. און זאלסט נישט מבזה, זיין דעם מענטש וואס איז קלענער פון דיר (רפז):

קפט) **שנים**. אז צוויי מענטשען ועגען זיך מתווכח כדי איינער זאל דעם צווייטען איבער שטארקען זאלסטו זיי נישט לערנען (רפח):

קצ) **הלומד**. דער מענטש וואס לערינט אויף צו ערצעהרענען איז ער א רשע.—שטענדיג זאל א מענטש לערנען תורה און עוסק זיין אין מצות אפילו נישט לשמה (רפט):

קצא) **אם**. אויב א מענטש זעהט אז נאכדעם ווי ער האט אן געהויבען צו לערנען מיט א תלמיד איז אויף אים געקומען יסורים און טרדות זאל ער מיט דעם תלמיד נישט לערנען (רץ).

קצב) **אדם**. אז צו א מענטש איז געקומען א אפיקורס אויף א ויכוח איז אויב ער ווייס געוויס אז ער וועט אים איבער שטארקען זאל ער זיך מיט אים מתווכח זיין. און אויב נישט זאל ער זיך נישט מתווכח זיין (רצו):

קצג) **הקורא**. דער מענטש וואס לייענט דיא תורה צוויי מאל, און איין מאל דעם תרגום. דערלענגערט מען אים די יאהרען (שא):

קצד) **לא**. א מענטש זאל נישט איבער בייטען דעם ניגון פון תורה אויף נביאים וכתובים, און דעם ניגון פון נביאים אויף תורה און כתובים, און דעם ניגון פון כתובים אויף תורה און נביאים ווייל אלץ איז הלכה למשה מסיני (שב):

בעוד

## קיצור ספר החסידים

קצה) **בעוד** שבנך קטן תלמדהו שיש ג״ע וגיהנם וכל עניני י״ש. קודם שיתחבר לחברים רעים. וזה ישאר בלבו (דש):

קצו) **לא** יתן אדם את בנו ללמוד לפני מלמד כעסן. ואפילו בתוך הזמן יפרידהו מעליו ויתן לו שכירות הזמן (שו):

קצז) **אם** אדם רואה שאין בנו זוכה לתלמוד ילמוד עמו הלכות גדולות ומדרשים וקריאה (שח):

קצח) **העוסק** בתורה תדיר הקב״ה שולח מלאכים מרחוק להביא לו כל צרכיו (שט):

קצט) **חייב** אדם ללמוד לבנותיו פסקי ההלכות שידעו להזהר (שיג):

ר) **אם** בא צדיק ורשע לקבל צדקה ואין יכול ליתן כ״א לאחד מהם יתן לצדיק אף שהרשע יעשה עבירה. ילך לו לגיהנם (שיז):

רא) **אדם** שנצרך לבריות. בכל עיר ועיר יטיל א״ע על כים של צדקה ולא ילך ליחידים (שיט):

רב) **אדם** שעושה צדקה הקב״ה זורעה בג״ע (שכא):

רג) **יותר** טוב להתחבר עם ע״ה וותרן. מלהתחבר עם ת״ח עצרן (שכג):

רד) **עשיר** שרואה שבניו אינם עוסקים בתומ״צ. לא יפרנס אותם. ומחמת עניות ישובו לדרך התורה. אבל אם יש לחוש שיצאו לתרבות רעה יפרנסם (שכה):

רה) **עני** ת״ח כשבא לעיר מותר לדבר בד״ת וממילא ידעו שהוא ת״ח (שכח):

רו) **מוטב** לגבאי צדקה שיתבייש. ואל יגיד שם העני שקבל צדקה ויביישו (של):

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

אם

קצה) **בעוד.** אז דיין זוהן איז נאך קליין זאלסטו אים לערנען און זאגען אז עס איז דא א גן עדן און א גיהנם און אלע זאכען פון יראת שמים, איידער ער וועט זיך באהעפטען צו שלעכטע חבירים, און דאס וועט בלייבען ביי אים אין הארצען (שר):

קצו) **לא.** א מענטש זאל נישט אוועק געבען זיין זוהן לערנען ביי א מלמד א כעסן. און אפילו אין מיטן זמן זאל ער דעם זוהן פון אים אפנעמען, און ער זאל אים באצאהלען דיא שכירות פון זמן (שו):

קצז) **אם.** אז א מענטש זעהט אז זיין זון איז נישט זוכה לערנען גמרא. זאל ער מיט אים לערנען דינים און מדרשים (שח):

קצח) **העוסק.** דער מענטש וואס לערינט שטענדיג תורה, שיקט גאט מלאכים אז זיי זאלען אים ברענגען זיינע באדערפעניש (שט):

קצט) **חייב.** א מענטש בעדארף זיינע טעכטער לערנען דינים. כדי זיי זאלען וויסען וויא צו פילעויען זיך (שיג):

ר) **אם.** אויב עס איז גיקימען א צדיק און א רשע נעמען צדקה, און ער קאן געבען נאר איינעם, זאל ער געבען דעם צדיק, חאטש אז ער וועט נישט געבען דעם רשע וועט ער טאן אעבירה, זאל ער גיין אין גיהנם (שיז):

רא) **אדם.** א מענטש וואס בדארף נעבעך אן קומען, צו מענטשען, זאל ער אין יעדער שטאדט נעמען קהל׳שע געלט, און זאל נישט נעמען נדבות פון איינצעלנע מענטשען (שיט):

רב) **אדם.** א מענטש וואס גיט צדקה, פארזייט דאס גאט אין גן-עדן, אום דער מענטש זאל אפ נע-נעמען מיט פערדיענסט (שכא):

רג) **יותר.** עס איז גלייכער זיך באהעפטען צו א עם הארץ וואס איז א וותרן, איידער זיך באהעפטין צו א תלמיד חכם וואס איז א קארגער (שכג):

רד) **עשיר.** אז א רייכער מענטש זעהט אז זיינע קינדער לערנען נישט און טוהען נישט קיין מצות זאל ער זיי אויפהערען שפייזען, און דורך די ארימקייט וועלען זיי זיך אומקערען צו יודיש-קייט. אבער אויב עס איז דא א חשש מאמער וועלען די קינדער דורכדעם ארויס אויף א שלעכטען וועג זאל ער זיי ווייטער שפייזען (שכה):

רה) **עני.** א ארימאן א למדן אז ער קומט אין א פרעמדע שטאט מעג ער שמועסען אין לערנען, און דורכדעם וועט מען וויסען אז ער איז א תלמיד חכם (שכח):

רו) **מוטב.** עס איז גלייכער אז דער גבאי פון צדקה-געלד זאל פארשעמט ווערען. [מען זאל אויף

אים

## קיצור ספר החסידים

רז) **אם** גבאי שומע מרבים שאין חפצים בו. יסלק א״ע מהגבאות (שלא)׃
רח) **גדול** המעשה דוקא לעשירים. אבל אם מעשה לעניים כאלו גוזלם (שלב)׃
רט) **האב** שבתו נשואה לא יאמר לה עשה צרכי. בזמן שעוסקת בצרכי בעלה (שלח)׃
רי) **אם** הבן יודע שאם יאמר לאביו שאמו ציותה לו לעשות כך. יכעוס עליו. לא יאמר לו (שלו).
ריא) **אם** הבן יודע שהאב ישמח במה שמקיצו משינתו ויצטער ממה שלא הקיצו. כגון לדבר מצוה.
או לפרנסת ממון. יש להקיצו (שלו)׃
ריב) **אם** הבן מצטער להיות יחד עם אביו. מוטב שיפרדו (שמג)׃
ריג) **אחד** נתן לעכו״ם לבנות ביתו בקבלנות ובנה בשבת ובזמן מועט לא נשאר הקרקע לא לו.
ולא לזרעו (שמח)׃
ריד) **יסיר** אדם הרהורי עבירה מלבו כאלו אין לו ערוה כלל (שנד)׃
רטו) **עכו״ם** שעשה טובה לישראל ישלם לו. ואם לאו לעוה״ב ימעטו מישראל ויתנו לעכו״ם (שנז)׃
רטז) **עכו״ם** הזהיר בז׳ מצות ב״נ. טעותו אסור. ותכבדהו (שנח)׃
ריז) **עם** הארץ ירא שמים כבודו עדיף מתלמיד חכם שאינו ירא שמים (שמא)׃

העושח

## טייטש פירוש פאר יעדער יוד

איך זאגין אז ער גנבט צדקה-געלד] און ער זאל נישט זאגען דעם נאמען פון ארימאן וואס ער
האט איהם געגעבען די צדקה-געלד, כדי דער ארימאן זאל נישט פארשעמט ווערין (של)׃
רז) **אם**. אז א גבאי הערט פון פיעל מענטשען אז מען וויל איהם נישט פאר קיין גבאי. זאל ער זיך
אבזאגען פון גבאות (שלא)׃
רח) **גדול**. דאס וואס עס שטייט אז עס איז גרעסער דער מענטש וואס מאכט יענעם טאן געבען
צדקה, וויא ער אליין גיט, מיינט מען דאס נאר דעם מענטש וואס מאכט טאן רייכע לייט
אז זיי זאלען געבען צדקה, אבער דער מענטש וואס מאכט טאן ארימע לייט אז זיי זאלען געבען צדקה
איז גלייך אזוי וויא ער גזל׳ט זיי (שלב)׃
רט) **האב**. ווען א מענטש האט א טאכטער וואס האט שוין חתונה גיהאט זאל ער איר נישט זאגין
טוה מיינע בעדערפעניסען, ווען זי טוהט די בעדערפניש פון איר מאן (שלח)׃
רי) **אם**. אויב דער זוהן ווייס אז אויב ער וועט זאגין דעם פאטער אז די מוטער האט איהם אזוי
גיהייסען טאן וועט דער פאטער אויף איר ווערען אין כעס. זאל ער איהם דאס נישט
זאגין (שלו)׃
ריא) **אם**. אויב דער זוהן ווייס אז דער פאטער וועט זיך פרייען דערמיט וואס דער זוהן האט איהם
אויף געוועקט. און ער וועט האבען שמערצען דערפון וואס ער [illegible] איהם נישט אויפגיוועקט,
דהיינו צו א מצוה-זאך. אדער געלד פערדיענען. בדארף איהם דער זון אויף וועקען (שלו)׃
ריב) **אם**. אויב דער זון האט שמערצען דערפון וואס ער איז צוזאמען מיט׳ן פאטער, איז בעסער אז
זיי זאלען זיך צושיידען (שמג)׃
ריג) **אחד**. א מענטש האט אוועק געגעבען א פאדריאד א עכו״ם אז ער זאל איהם בויען א הויז, האט
דער עכו״ם גיבויט אום שבת, און א קורצע צייט איז דאס הויז נישט געבליבען נישט
איהם און נישט זיינע קינדער (שמח)׃
ריד) **יסיר**. א מענטש בדארף אפ טאן פון הארצען אלע שלעכטע גידאנקען, אזוי וויא ער האט גאר
נישט קיין ערוה (שנד)׃
רטו) **עכו״ם**. אז א עכו״ם האט גיטאן א טובה א יודען, זאל איהם דער יוד באצאלען, און אויב דער
יוד באצאלט איהם נישט אויף דער וועלט וועט מען לעולם הבא אראפ נעמען פון דעם יוד׳ס
שכר און מען וועט געבען דעם עכו״ם (שנז)׃
רטז) **עכו״ם**. א עכו״ם וואס פילעוועט דיא זיבען מצות וואס א בן נח איז אויף זיי אן געזאגט, טאר
מען איהם נישט אפנארען, און מען בדארף איהם ערליך האלטען (שנח)׃
ריז) **עם הארץ**. א עם הארץ וואס איז א גאט׳ס פארכטיגער בדארף מען איהם בעסער ערליך האל-
האלטען פון א תלמיד חכם וואס איז נישט א גאט׳ס פארכטיגער (שמא)׃

העושח

## קיצור ספר החסידים

תוזהר שמא ידע אח"כ ויתחלל שם שמים, החייב לאורים לא יתן צדקה אם אין לו משלו (שצה):
רכט) **הזהר** מאדם המוחרם שלא לילך עמו בדרך ובבפינה ומלדבר (שצח):
רל) **במזון** של עולה לא תערב עם ממון כשר. שזה יאבד את זה (שצט):
רלא) **מי** ששרוי בצער אל ימהר לנדור נדרים אלא יתיישב בדעתו איזו גדר ינדור שלא יתחרט (תב):
רלב) **עונשים** שאין כתובים בתורה גדולים יותר מעונשים הכתובים בתורה (תה):
רלג) **תוכחה** שהיא עד נזיפה והכאה. היינו באב לבנו או לאחיו. או לשאר אוהבים זל"ז. אבל לא
באחר שרק ישנאנו ויעשה לו רע (תיג):
רלד) **פרנס** המתגאה על הצבור. או עשיר אחר שמתגאה. ואין הטובים יכולים לעמוד בפניו, לתקן
שיהי' כרצון ה' לא יאריך ימים (תיד):
רלה) **עשיר** שיכול לפרנס מאה עניים ואינו מפרנסם. נענש כאלו גוזלם (תטו):
רלו) **הרגיל** לישבע מאליו. אסור לדבר עמו (תיז):
רלז) **כמה** כרכים נחרבו עבור שבועת אמת (תיח):
רלח) **הראשונים** אפילו היו ממיתין אותם לא היו עוברים על שבועתן (תכ):
רלט) **יהודי** שממונה על מכס קצוב. ולקח יותר מהקצוב אפילו מנכרי. לסוף יורד מנכסיו לפי שרבים
מקללים אותו (תכד):

מי

## מײַערע פירונג פאר יעדער יוד

ערליך מיט א עכו"ם—אויב דער עכו"ם האט גיהאט א טעות זאלסט דו זײַן געהיט, ווארים טאמער ווען
ער זיך דערגאך ארום זעהן. וועט דאך דאס זײַן א חילול השם.—דער מענטש וואס איז לײַטען שולדיג
געלד זאל ער ניט געבען קײַן צדקה. אויב ער האט ניט אײַגענע געלד (שצה):
רכט) **הזהר.** זאלסט זײַן געהיט פון א מענטש וואס איז אין חרם. די זאלסט מיט אים ניט גײַן אין
וועג. אדער פארין אין א שיף. אדער רײַדען מיט אים (שצח):
רל) **ממון.** ניט קײַן ערליכע געלט זאלסטו ניט אויסמישען מיט ערליכע געלד. ווײַל דיא ניט-
ערליכע-געלד וועט איבער פירען דיא ערליכע-געלד (שצט):
רלא) **מי.** דער מענטש וואס האט שמערצין זאל ער זיך ניט הײַלען זאגין נדרים, נאר ער זאל זיך
פריהער גוט בעטראכטען וועלכען גדר ער זאל זאגין. כדי ער זאל דערנאך ניט האבען חרטה (תב):
רלב) **עונשים.** דיא שטראף וואס שטעהען ניט אין דער תורה זענען זײ גרעסער פון די שטראף
וואס שטײען אין דער תורה (תח):
רלג) **תוכחה.** דאס וואס עס שטײט אז די מצוה פון יענעם שטראפען איז ביז מען זאל זיך אויף
יענעם זײער שטארק אן בײזערען, אדער שלאגען. דאס איז גאר צו זײַן זוהן, אדער צו
זײַן ברודער. אדער צו זײַן גוטען פרײַנד. אבער ניט צו א פרעמדען וואס דורכדעם וועט ער אים גאר
פײַנד האבען און וועט אים טאן שלעכטס (תיג):
רלד) **פרנס.** א געמײַנדע-הערשער וואס האלט זיך גרוים אויפ'ן פובליקום. אדער א רײַכער מאן וואס
האלט זיך גרוים אויפ'ן פובליקום. און די ערליכע יודען קאנען ניט בײַשטײן אנטקעגען
אים, אז מען זאל טאן אלע זאכען אויפ'ן יודישען שטײגער. וועט דער געמײַנדע-הערשער אדער רײַכער-
מאן ניט לאנג לעבען (היר):
רלה) **עשיר.** א רײַכער מאן וואס קאן אויסהאלטען הונדערט ארימע לײַט און האלט זײ ניט אויס
ווערט ער גישטראפט פינקט אזוי וויא ער וואלט זײ גערויבט (תטו):
רלו) **הרגיל.** דער מענטש וואס איז גיוואהנט פון זיך זעלבסט צו שווערען, טאר מען מיט אים ניט רײדען (תיז):
רלז) **כמה.** זײער פיעל שטעדט זענען פערדארבען גיווארין דורך דעם וואס מען האט גישווארען
(אפילו) ריכטיג (תיח):
רלח) **הראשונים.** דיא ערשטע מענטשען אפילו מען וואלט זײ גיוועזען טוידטען וואלטען זײ ניט
עובר גיוועזען אויף זײער שבועה (תר):
רלט) **יהודי.** א יוד וואס איז א בעאמטער אויף צאלל. און ער האט גינומען צאלל מײן וויפיעל עס
איז באשטימט. אפילו ער האט גינומען פון א עכו"ם וועט זײַן די ענדע אז ער וועט ווערען א אריםאן.
איז

## קיצור ספר החסידים

רם) **מי** שאינו רוצה להלוות מעות לחבירו. לא יאמר אין לי. ואין זה בכלל מותר לשנות מפני השלום. (רק ימצא לו תירוץ אחר שאינו שקר ולא יהי׳ לו שונא) (תכו):

רמא) **על** הרוב מי שעוסק במשמשי עכו״ם לא יעמוד עשרם ש׳בסוף יענו (תל):

רמב) **אם** רואה אדם דרך חלון. ע״ז. יכסה שלא יראנו (תלז):

רמג) **לא** יקח ערבה למצוה מחצר ע״ז (תלח):

רמד) **בעיר** שאין שם מים לטבילת נשים לא ידור שם (תלט):

רמה) **אם** מראין לראובן חלום רע על שמעון יתענה ויתפלל עליו. או יודיעו ויתפלל על עצמו. הראשונים היו מאמינים מאד בדברי חלומות (תמד):

רמו) **לאחד** חלם חלום רע. ובא אחד וקנה החלום ממנו. ומת ביום השני. ואחד הלה ונטה למות. וקנה אחד חליו בליצנות ועמד החולה, וזה חלה ומת (תמה):

רמז) **אל** יגיד אדם חלומו לשאינו אוהבו. ואל ישאל ממנו עצה (תמו):

רמח) **מי** שנטה למות ידברו עמו ד״ת (תמח):

רמט) **בית** שנהרגו בו על קדה״ש והדם נתז על הכתלים לא יעביר לעולם הדם. ולא יטיח הכתלים שיכסה הדם (תמט):

רנ) **יש** הנאה למתים שאוהביהם הולכים על קבריהם. לכך רוצה אדם למות בעירו (תנ):

כשיש

### טײַערע פֿירונג פֿאַר יעדער ייד.

ווײַל אַלע מענטשען שעלטען דאָך אים (תכד):

רם) **מי**. דער מענטש וואָס וויל נישט דעם צווייטען באָרגען געלט זאָל ער אים נישט זאָגען אַז ער האָט נישט קיין געלט. ווײַל דאָס איז אַ ליגען. דאָס איז נישט אין כלל פֿון דעם וואָס די חכמים האָבען געזאָגט, „מען מעג פֿאַרענדערן צוליעב פֿריעד״. (נאָר ער זאָל אים זאָגען עפּעס אַ אַנדער תירוץ כדי ער זאָל אים נישט בלײַבען אַ פֿײַנד) (תכו):

רמא) **על**. דאָס רוב מענטשען וואָס האַנדלען מיט זאַכען וואָס נוצען צו עכו״ם. האַלט זיך נישט אײַן דאָס רײַכקײַט בײַ די מענטשען, דען צום ענדע װעלען זײ ווערען אָרימע לײַט (תל):

רמב) **אם**. אויב אַ מענטש זעהט דורכן פֿענסטער אַ עכו״ם זאָל ער צו דעקען דעם פֿענסטער. כדי ער זאָל נישט זעהן די עכו״ם (תלז):

רמג) **לא**. אַ מענטש זאָל נישט נעמען אַ ערבה פֿון הויף פֿון עכו״ם (תלח):

רמד) **בעיר**. אין אַ שטאָט וואָס עס איז נישטאָ קיין וואַסער אויף טבילה פֿאַר ווײַבער. זאָלמען דאָרט נישט וואָהנען (תלט):

רמה) **אם**. אויב מען ווײַזט ראובן׳ן אַ שלעכטען חלום אויף שמעון׳ן זאָל ראובן פֿאַסטען און בעטען פֿאַר שמעון׳ן אָדער ער זאָל דאָס זאָגען שמעון׳ן. וועט שמעון בעטען אויף זיך.—די ערשטע מענטשען האָבען זייער געגלויבט אין חלומות (תמד):

רמו) **לאחד**. אַ מעשה האָט אַ מאָל געחלומט אַ שלעכטען חלום. איז עמיצער געקומען און האָט פֿון אים אָפּגעקויפֿט דעם חלום. איז דער קויפֿער געשטאָרבען דעם צווייטען טאָג.—אויך האָט זיך געטראָפֿען אַ מענטש איז געווען געפֿעהרליך קראַנק, האָט עמיצער פֿון אים אויף אַ שפּאַס אָפּגעקויפֿט די קרענק, איז דער קראַנקער געזונד געוואָרען און אויף געשטאַנען. און דער קויפֿער איז קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען (תמה):

רמז) **אל**. אַ מענטש זאָל נישט דערצעהלען זײַן חלום צו אַ מענטש וואָס איז נישט זײַן גוטער פֿרײַנד, און ער זאָל פֿון דעם מענטש נישט פֿרעגען קיין עצה (תמו):

רמח) **מי**. ווער עס האַלט בײַם שטאַרבען זאָל מען מיט אים רײדען תורה (תמח):

רמט) **בית**. אַ שטוב וואָס יודין זענען דאָרט געהרגט געוואָרען אויף קידוש השם. און זייער בלוט האָט אַרויף געשפּריצט אויף די ווענד. זאָל ער דאָס בלוט קײנמאָל נישט אַראָפּ רײַבען. אויך זאָל ער נישט אָפּ פֿאַרבען די ווענד. כדי דאָס בלוט זאָל נישט ווערען פֿאַרדעקט (תמט):

רנ) **יש**. די געשטאָרבענע האָבען הנאה אַז זייערע גוטע פֿרײַנד קומען צו זיי צום קבר דרום וויל יעדער מענטש שטאַרבען בײַ זיך אין שטאָדט (תנ):

כשיש

## קיצור ספר החסידים

רנא) **כשיש** דבר בעיר יש לחפש בקברי המתים שמא בלה הבגד של אחד מהם או אין ידיו פשוטות וכ"ד שיש בו פקוח נפש מותר לעשות למת (תגא):

רנג) **בליל** הושע"ר חותמים. ובשמ"ע גוזרים במה יתפרנסו (תגג):

רנג) **מנעלים** של מת סכנה (תגד):

רנד) **הצדיקים** לומדים בספרים במיתתם כמו בחייהם (תגה):

רנה) **יש** אדם שנולד במזל מאדים ויכול לענוש אחרים אפילו הוא ע"ה (תגז):

רנו) **אין** לקרות בן בשם אביו. ואין לקרות שם אחר החי. אלא אחר שמת (תם):

רנז) **אשה** שמתו בעליה ב' וג"פ. לא תנשא לאחר. ולחמישי מותרת (תמא):

רנח) **סתר** בית ובנה אחרת באותו מקום לא ישנה מהראשונה (שם):

רנט) **יש** אילנות שנמצא עליהם כמו טיפת שעוה. ודם נדות. וסכנה לקוצצם (תסב):

רס) **אם** ירא שמא יש סם המות במאכל על השולחן. יקח סכין שהקתא מעצם נחש. ויגעוץ בשילחן שאוכל ואם יש סם המות יזיע (תסח):

רסא) **אין** המזיקים מתגרים אלא במי שמתגרה בהם. אין לאדם לעשות אלא יתפלל להקב"ה על כל צרה (תסט):

רסב) **אם** יש לאדם בנים רעים יתן ספרי סודות שיש לו לאחר. ולא להם (תעב):

רסג) **יש** מיני כשופים על היבשה ולא על המים. ועל המים, ולא על היבשה. אלא בשם המפורש המזכירו

## טײַערע פירהונג פאַר י עדער יוד

רנא) **כשיש.** אז עס איז דאָ א מגיפה אין א שטאָדט בעדאַרף מען זוכען אין די קברים פון די געשטאָרבענע, טאָמער איז פאַרפוילט געוואָרען א קלייד פון עמיצען, אָדער ביי עמיצען זענען ניט גלייך די הענד. און וויל דאָס איז דאָך פקוח נפש פון דער שטאָדט מעג מען דאָס טאָן (תגא):

רנב) **בליל.** די נאַכט פון הושענה רבה חתמ'נט מען און שמיני עצרת באַשטימט מען די פרנסה פון יעדער מענטש (תגג).

רנג) **מנעלים.** די שיך פון א געשטאָרבענעם איז געפעהרליך צו גיין אין זיי (תגד):

רנד) **הצדיקים.** די צדיקים לערנען געשטאָרבענערהייד אין ספרים פונקט אזוי ווי א לעבעדיגערהייד (תגה):

רנה) **יש.** עס טרעפט זיך א מאָל א מענטש וואָס איז געבוירען געוואָרען אין מזל מאדים, און ער קאָן מענטשען מעניש זיין, האָטש ער איז א עם הארץ (תגז):

רנו) **אין.** מען טאָר ניט רופען א נאָמען פון זוהן אזוי ווי דעם פאָטער. אויך טאָר מען ניט רופען א נאָמען נאָך א לעבעדיגען, נאָר נאָך א געשטאָרבענעם (תם):

רנז) **אשה.** א אשה וואָס איהרע מאַנען זענען געשטאָרבען, צוויי אָדער דריי, זאָל זי שוין מעהר ניט חתונה האָבען. נאָר צו א פינפטען מאַן מעג זי חתונה האָבען (תמא):

רנח) **סתר.** אז א מענטש האָט צוואָרפען א שטוב און האָט אויף דעם זעלבען אָרט געבויט א אַנדער שטוב זאָל ער דאָרט ניט מאַכען אַנדערש פון דער ערשטער (שם):

רנט) **יש.** עס איז דאָ בוימער וואָס עס געפינט זיך אויף זיי אזוי ווי טראָפּינס וואַקס, און בלוט פון נדות, עס איז געפעהרליך זיי אָבצוהאַקען (תסב):

רס) **אם.** אויב א מענטש האָט מורא אז עס איז דאָ סם אינ'ם געקעכץ וואָס אויפ'ן טיש זאָל ער נעמען א מעסער וואָס זיין הענטיל איז פון א ביין פון א שלאַנג, און זאָל אים אריין שטעקען אינ'ם טיש וואָס ער עסט, איז אויב עס איז דאָ סם וועט שוויצען דאָס הענטיל (תסח):

רסא) **אין.** די מזיקים רייצען זיך נאָר מיט דעם מענטש וואָס רייצט זיך מיט זיי,—א מענטש בעדאַרף גאָר ניט טאָן נאָר בעטען גאָט אויף אַלע אומגליקען (תסט):

רסב) **אם.** אויב א מענטש האָט שלעכטע קינדער זאָל ער געבען די סוד'ישע ספרים צו פרעמדע מענטשען, אָבער ניט די קינדער (תעב):

רסג) **יש.** כישוף איז דאָ זייער פיעל ערלייא. עס איז דאָ א כישוף וואָס ווירקט נאָר אויף טריקעניש אָבער

## קיצור ספר חסידים

המזכיו"ו יעשה במים וביבשה ובאויר כי הבורא מושל על הכל ונשגב שמו לבדו (תעו):

רסד) **שני** אחים לא ישאו שתי אחיות. ג' או ד' ששמם אחד לא ידורו בבית אחד. - חתונות בשבת אחת לא יצליחו. בן ואב לא ישאו ב' אחיות, וכן אם ובת לשני אחים. וכן משיא בתו לאחי אשתו. ומי שמתה בתו בלא זרע. כשנולד לו עוד בת לא יקרא אותה ע"ש המתה' (ועוד הרבה דברים ליזהר בהם עיי"ש.) (תעז)·

רסה) **איך** לתקן בתים ביער (תעח):

רסו) **אסור** לומר. אתה אומר כמי נכרי. שלכך בניו אינם טובים (תעט):

רסז) **לא** יאמר אדם הרבה חטאתי עד שמחויב כלי'. אסור לדור בעיר שרגילין לקלל. ושפחות נכריות בבית ישראל אוכלים דברים טמאים. לא יבקש רע על חבירו (תפ):

רסח) **לא** יקלל בני אדם (תפג):

רסט) **אין** לומר לחבירו יתן ה' שאלתך. שמא מבקש רע על איזה יהודים. והקב"ה מתפלל יהי רצון מלפני שיתגלגלו רחמי על מדותי כו'. טוב שיאמר אדם בכל יום יהי רצון מלפניך שתמצא נחת רוח בבריותך ויתגלגלו רחמיך על מדותיך ותתנהג עם בניך במדת הרחמים ותכנס להם לפנים משורת הדין (תפה):

רע) **אדם** כשהוא בסכנה לא ידבר עוונותיו רק יחשוב. וישוב עליהם (תפו):

אשה

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

אבער נישט אויפ'ן וואסער און עס איז דא א בישוף וואס ווירקט נאר אויפ'ן וואסער אבער נישט אויפ'ן טריקעניש. אבער אז מען דערמאנט דעם שם המפורש ווירקט דאס אויפ'ן וואסער און אויפ'ן טריקעניש און אין דער לופט. ווייל דער באשעפער גיוועלטיגט אויף אלץ, און נאר זיין נאמען ווערט גישטארקט (תעו):

רסד) **שני**. צוויי ברידער זאלען נישט נעמען צוויי שוועסטער.—דריי אדער פיער מענטשען וואס הייסען דעם זעלבען נאמען זאלען זיי נישט וואהנען אין איין שטוב.—צוויי חתונות אין איין וואך באגליקען נישט.—אזוהן און זיין פאטער זאלען נישט נעמען צוויי שוועסטער.—אויך א מוטער און א טאכטער זאלען נישט נעמען צוויי ברידער.—אויך זאל מען נישט מאכען חתונה זיין טאכטער צו דער ווייב'ס ברודער.—דער מענטש וואס זיין טאכטער איז געשטארבען אן קינדער. אויב עס איז גי-בוירין געווארען נאך א טאכטער, זאל ער דער טאכטער נישט רופען דעם זעלבען נאמען פון דער געשטארבענער טאכטער (נאך פיעל זאכען שטייט דא אין ספר חסידים וואס מען בעדארף זיין געהיט (תעז):

רסה) **איך**. אין ספר חסידים שטייט דא ווי אזוי מען זאל איינארדענען הייזער אין וואלד (תעח).

רסו) **אסור**. מען טאר נישט זאגען צו א יוד דוא רעדסט אזוי ווי א גוי, ווייל דרום האט ער נישט קיין ערליכע קינדער (תעט):

רסז) **לא**. א מענטש זאל נישט זאגען איך האב פיעל גע'זינדיגט וואס איך בעדארף דערפאר בעקומען פארלענדונג.—מען טאר נישט וואהנען אין א שטאט וואס מען איז דארט געוואהנט צו שעל-טען.—און וואו גוי'שע דינסטען עסען אין יודישע הייזער טמא'דיגע זאכין.—מען טאר נישט בעטען שלעכטס אויף א יוד (תפ):

רסח) **לא**. מען טאר נישט שעלטען קיין מענטש (תפג):

רסט) **אין**. מען טאר נישט זאגען צו א מענטש. גאט זאל ערפילען דיין פערלאנג. ווייל טאמער פער-לאנגט ער באן יודען שלעכט.—גאט בעט. עס זאל זיין מיין ווילען אז מיין דערבארימקייט זאל זיך קאלערין אויף מיינע מידות.—עס איז גוט אז יעדער מענטש זאל אלע טאג זאגען. עס זאל זיין דער ווילען פון דיר גאט אז די זאלסט געפינען א נחת רוח אין דיינע באשעפעניש, און עס זאל זיך קא'ערין דיין דערבארימקייט אויף דיינע מידות, און דיא זאלסט זיך פירען מיט דיינע קינדער מיט דערבארימקייט, און זאלסט מיט זיי איין גיין בעסער פון דין (תפה):

רע) **אדם**. אז א מענטש איז אין א געפאהר זאל ער נישט ארויס רעדען זיינע זינד וואס ער האט גיטאן נאר ער זאל זיי טראכטען, און זאל תשובה טאן אויף זיי (תפו):

אשה

# תורת החסידים הראשונים

## קיצור ספר החסידים

רעא) **אשה** שיושבת על המשבר יש לבנ"א שבבית להתפלל עלי' ועל הילד (תפז):

רעב) **בחור** שרוצה לקחת אשה בבת ארבעים שנה. לא תהי' עצת יר"ש שם (תצא):

רעג) **כל** הבונה ביהמ"ד על שמו סכנה (תקג):

רעד) **המשיא** בתו יצוה לה שלא תעבור זמן טבילתה. ושלא תאמר לא אטבול עד שתתן לי מעות או חפץ פלוני. אם רואה שאשתו מריבה עם אחרים ואינו יכול למחות בידה, עכ"פ ישתוק ולא יעזור לה (תקו):

ערה) **לא** יכסה מום בתו. כמו חולי. או מעשים רעים. אף שלא ירצו לקחת אותה. וכן שלא יתנו לך צדקה הרבה אם יודיעם (תקז):

רעו) **יש** הרבה תנוקת מתים על שאמם לא נזהרו בטבילה, ובן דאב לא שמר מפרישות עונה (תקט):

רעז) **לא** יקדש אדם אשה ולא יכנסנה בצעיף עד שיתן הממון שהבטיחו לו ביד נאמן. ולא יאחרו הנשואין. ואם עני הוא לא יהי' לו כנושה (תקיב):

רעח) **מי** ששידך אשה ואמרה לו שאין רצונה ליקח איתו. מיד יפנה לדבר באשה אחרת (תקיד):

רעט) **מי** שאינו יכול להזדקק לאשתו או שאין לו זרע מאשתו ואינו מגרשה מאבד א"ע מעוה"ז ומעוה"ב. ואם אין לו ממון לא יכבידו על כתובתה (תקיז):

## טייטשע פירהונג פאר יעדער יוד

מי

רעא) **אשה**. אז א אשה האלט ביים געבוירען א קינד בדארפען די מענטשען וואס זענען אין שטוב בעטן אויף איר און אויף דאס קינד (תפז):

רעב) **בחור**. א בחור וואס וויל נעמען א ווייב וואס זיא איז אלט פערציג יאהר זאל דארט נישט זיין א עצה פון א ערליכען יוד (תצא):

רעג) **כל**. דער מענטש וואס בויט א בית המדרש און רופט דאס אויף זיין נאמען איז דאס פאר איהם געפעהרליך (תקג):

רעד) **המשיא**. אז א מענטש מאכט חתונה זיין טאכטער בעדארף ער איר זאגן אז זיא זאל נישט פארשפעטיגען דיא צייט פון דיא טבילה, אויך זאל זיא נישט זאגען איך וועל גיין טבילה נאר אז די וועסט מיר געבען געלד אדער יענעם צירהונג. — אז א מענטש זעהט אז זיין ווייב קריגט זיך מיט פרעמדע מענטשען און ער קאן איהר נישט ווערען, זאל ער צום ווייניגסטען שווייגען און זאל נישט העלפען דער ווייב (תקו):

ערה) **לא**. א מענטש זאל נישט באהאלטען דעם פעהלער פון זיין טאכטער, דהיינו א קרענק אדער שלעכטע מעשים, חאטש דורכדעם וועט מען איר נישט וועלען נעמען. — אזוי איז אויך ביי צדקה אז מען וואלט דאס געוואוסט וואלט מען איהם נישט געגעבען צדקה-געלד, פון דעסטוועגען בדארף ער אלץ אויס זאגען (תקז):

ערו) **יש**. עס איז דא פיעל קינדער וואס שטארבען דורכדעם וואס זייער מוטער איז נישט געווען געהיט אין טבילה, אדער דער פאטער איז נישט געווען געהיט פון אפשיידענהייט פון זיין ווייב (תקט):

רעז) **לא**. א מענטש זאל נישט מקדש זיין א אשה און זאל איר נישט צו דעקען מיט דעם דעק-טוך ביז מען זאל איינלעגען דאס געלט וואס מען האט איהם צו געזאגט ביי א ערליכען מאן און דורכדעם זאל מען נישט פארשפעטיגען די חתונה, און אויב ער איז א ארימאן זאלסטו איהם נישט זיין ווי א צווינגער (תקיב):

רעח) **מי**. אז מען האט א מענטש געשדכנט א אשה, און זיא האט געזאגט אז זי וויל איהם נישט, זאל ער באלד אנהייבען רעדען פון א אנדערע (תקיד):

רעט) **מי**. דער מענטש וואס קאן זיך נישט מודקק זיין צו זיין ווייב, אדער אז א מענטש האט נישט קיין קינדער פון זיין ווייב, און ער גט איר נישט, מאכט ער זיך פאר לוידען פון דער וועלט און פון יענער וועלט, און אויב ער האט נישט קיין געלט זאל מען איהם נישט באשווערען זעהר פיעל אויף איר כתובה (תקיז):

## קיצור ספר החסידים

רפ) מי שיש לו מה לאכול היום ואומר מה אוכל למחר ה״ז ממחוסרי אמנה (תקיט):

רפא) ראובן שהבטיח לקחת בת שמעון, ואח״כ עבר על דבריו ונשא אחרת אעפ״י שבייש את בתו
יאמר גם זו לטובה שאילו היה נושאה הי׳ לה למות. לכך אל יצטער. ולא יתקוטט. ולא יראה
לו פנים זועפות כי זווגים מן הקב״ה הם (תקכא)

רפב) כל שהוא חכם וצדיק יותר. יותר מסתפק אם יש לו עוה״ב (תקכד):

רפג) יותר יש שכר למי שהוא בין רשעים והוא צדיק. וכן להיפך (תקכה):

רפד) יראה אדם שיהי׳ אהוב לכל. ולא יעשה השבעות מלאכים ושדים (רקכו):

רפה) אדם שחידש בתורה או שמגלין לו רזין מן השמים ואינו כותבם עתיד ליתן דין. יש שסובל
עניות לפי שאומר לעני שיוכל לעמול לכך לא אתן לו. או מבזה לעני בן טובים (תקל):

רפו) לענין צמאון אדם קודם. ובאכילה בהמה קודמת (תקלא):

רפז) הרואה ארון בחלום מגיד על המת, לא יתעסקו בצדיק שמת אלא צדיקים (תקלג):

רפח) בהדר שמת תלמיד חכם, אין לעשות בו נשואים (תקלה):

רפט) אם מת שונא לא ימנע מלצאת אחר מטתו (תקלז):

רצ) לא יוציא אדם דיבור מפיו אא״כ הוא רצון הבורא ית׳ (תקמב):

הזוהר

## טײַערע פֿירונג פֿאַר יעדער ייִד

רפ) מי. דער מענטש וואָס האָט צו עסען הײַנטיגען טאָג, און ער זאָגט וואָס וועל איך מאָרגען עסען
דער מענטש איז פֿון דיא מענטשען וואָס עס פֿעהלט זיי די גלויבענהייט אין גאָט (תקיט):

רפא) ראובן. אויב ראובן האָט געזאָגט שמעון׳ן אַז ער וועט נעמען זײַן טאָכטער און דערנאָך האָט
ער גיטאָן אַנדערש, און גינומען אַ אַנדערע, איז חאָטש ער האָט דאָך פֿאַרשעמט זײַן
טאָכטער, זאָל שמעון זאָגען „אַלץ וואָס גאָט האָט גיטאָן איז צום גוטען״ דען ווען ראובן וואָלט איר
גינומען וואָלט זיא אפֿשר געשטאָרבען, דרום זאָל ער דערפֿון נישט האָבען קײַן שמערצען. און זאָל
זיך נישט קריגען און זאָל אים נישט ווײַזען אַ צאָרענדיג געזיכט, ווײַל אַלע שידוכים זענען פֿון גאָט
(תקכא):

רפב) כל. דער מענטש וואָס איז אַ חכם און אַ צדיק מײַן פֿון זײַן חבר, דער צווײַפֿעלט מעהר אויב
ער וועט האָבען עולם הבא (תקכד):

רפג) יותר. דער מענטש וואָס איז צווישען רשעים און איז אַ צדיק האָט אַ גרויסען לוין, און אַזוי
איז פֿאַרקערט (תקכה):

רפד) יראה. אַ מענטש זאָל זעהן אַז ער זאָל זײַן געליעבט בײַ יעדער מענטש,—ער זאָל נישט באַ-
שווערען דיא מלאכים און די שדים (תקכו):

רפה) אדם. אַ מענטש וואָס האָט אויפֿגיטאָן אין דער תורה. אָדער מען האָט אים פֿון הימעל אַנט-
פּלעקט אַ געהײַמנים, און ער פֿערשרײַבט זיי נישט, איז ער אָן גיברײַט געבען דערפֿאַר
רעכענונג פֿאַר׳ן בית דין של מעלה.—עס איז דאָ אַ מאָל אַ מענטש וואָס ער לײַדט אָרימקײַט ווײַל ער
האָט גיזאָגט אַ אָרימאַן אַז ער קאָן אַרבײַטען און ער בדאַרף אים דרום נישט געבען, אָדער דערפֿאַר
וואָס ער האָט פֿאַרשעמט אַ אָרימאַן אַ יחסן (תקל):

רפו) לעניין. אַז עס דאָרשט אַ מענטש און אַ בהמה, בעדאַרף מען פֿריהער געבין אַ מענטש, און
אַז עס הונגערט אַ מענטש און אַ בהמה בדאַרף מען פֿריהער געבען אַ בהמה (תקלא):

רפז) הרואה. אַז אַ מענטש זעהט אַ אָרון אין חלום דאָס ווײַזט אויף אַ גישטאָרבענעם.—אַז אַ צדיק
איז געשטאָרבענעם זאָלין זיך מיט איהם באַשעפֿטיגען נאָר צדיקים (תקלג):

רפח) בחדר. אין דער שטוב וואָס אַ תלמיד הכם איז גישטאָרבען, זאָל מען דאָרטען נישט מאַכען
קײַן חתונה (תקלה):

רפט) אם. אויב עס איז גישטאָרבען זײַנער אַ פֿײַנד זאָל ער זיך נישט פֿערמײַדען פֿון צו געהן נאָך
זײַן לויה (תקלז):

רצ) לא. אַ מענטש זאָל פֿון מויל נישט אַרויס לאָזין קײַן וואָרט סײַדין דאָס איז דער ווילען פֿון
גאָט (תקמב):

הזוהר

# תורת החסידים הראשונים

## קיצור ספר החסידים

רצא) הזהר מלחרף למי שירא להשיבך שהקב"ה מבקש נקמתו (תקמה):
רצב) לא יהא רגע א' שלא תחשוב בהקב"ה איך לעשות רצונו (תקמו):
רצג) בשנגזר על אדם למות, אותו יום חושך מזלו (תקמז):
רצד) יהא אדם רגיל לומר יה"ר מלפניך שלא נחטא לך ולברייתך ושלא יחטאו בריותך לך ושלא
יחטאו בני, ומחה כעב וכענן חטאתינו למען שמך הגדול (תקנ):
רצה) מוטב לאדם שיהי' נדחה מפני חבירו (תקנא):
רצו) עני יראה לעשות מצות בגופו (תקנה):
רצז) כמה צדיקים שהיו ראשים ומתו לפי שהגיע עת גדולה של אחר. ומזה יראה אדם להתרחק
מן הגדולה (תקנח):
רצח) צדיק שעשה חיבור ומת, ובא אחר לסתור דבריו לחראות חריפותו, הצדיק קובל עליו (תקנט).
רצט) אב המצוה לבנו לתת גט לאשתו, שלא מצא בה ערות דבר, אל ישמע לו (תקסא):
ש) אב המצוה לבנו, ליקח אשה שאינו חפץ בה אינו מחויב לשמוע לאביו (תקסב):
שא) אם אביו או אמו מתקוטטים עם אשתו ואם יאמר לאשתו שתשתוק, תהי' עם בעלה במחלוקת.
ישתוק לה. כשאשתו בכעס אל ישמש עמה (תקסג):
שב) אזהרה לאב ואם שלא יניחו לבניהם לחלל שבת (תקסו):

טייערע פירהרונג פאר יעדער יוד

לא

רצא) הזהר. זאלסט זיין געהיט נישט צו זידלען א מענטש וואס האט מורא דיר צו ענטפערן. וויל
גאט וועט זוכען זיין נקמה (תקמה):
רצב) לא. עס זאל נישט זיין איין סעקונדע וואס די זאלסט נישט טראכטען וויא אזוי צו ערפילען
דעם פערלאנג פון גאט (תקמו)
רצג) כשנגזר. אז עס ווערט נגזר אויף א מענטש אז ער זאל שטארבען, דעם טאג ווערט פינסטער
זיין מזל (תקמז):
רצד) יהא. א מענטש זאל זיין גיוואהנט צו זאגין, עס זאל זיין דער ווילען פון דיר גאט אז מיר זא
לען נישט זינדיגען. נישט צו דיר און נישט צו דיינע באשעפעניש, און דיינע באשעפעניש
זאלען נישט זינדיגען צו דיר, און מיינע קינדער זאלען נישט זינדיגען, און זאלסט אפמעקען אזוי וויא
א וואלקין אונזערע זינד צוליעב דיין נאמען" (תקנ):
רצה) מוטב. עס איז גלייכער אז א מענטש זאל זיין א אפגעשטויסענער צוליעב זיין חבר (תקנא):
רצו) עני. א ארימאן (וואס ער קאן דאך נישט טאן מצות מיט געלד) זאל ער טאן מצות מיט'ן
קערפער (תקנה):
רצז) כמה. עס איז גיוועזן פיעל צדיקים וואס זענען גיוועזן עלטסטע און זענען געשטארבען וויל עס
איז געקומען דיא צייט וואס א אנדער מענטש האט בעדארפט צו נעמען דאס גרויסקייט
דרום זאל דער מענטש זעהן זיך דערווייטערען פון גרויסקייט (תקנח):
רצח), צדיק. אז א צדיק האט גימאכט א ספר און ער איז געשטארבען, און עס איז גיקימען א אנדערע
וואס ווענד איס אפ. און ווייזט זיין שארפקייט, האט דער צדיק פאראיבעל (תקנט).
רצט) אב. אז א פאטער הייסט זיין זוהן אז ער זאל געבען א גט זיין ווייב, וואס ער האט אין איר
נישט גיפונען קיין ערות דבר, זאל ער דעם פאטער נישט פאלגען (תקסא):
ש) אב. אז א פאטער הייסט זיין זוהן אז ער זאל נעמען א ווייב וואס ער וויל איר נישט, איז ער
נישט מחויב צו פאלגען דעם פאטער (תקסב):
שא) אם. אויב זיין פאטער אדער מוטער קריגען זיך מיט זיין ווייב, און אויב ער וועט זאגען זיין
ווייב אז זיא זאל שווייגען וועט זיא מיט איס זיין אין קריעג זאל ער איר שווייגען.—אז זיין
ווייב איז אין כעס זאל ער נישט זיין מיט איר (תקסג):
שב) אזהרה. דער פאטער און דיא מוטער זענען גיווארנט אז זיי זאלען נישט לאזען זייערע קינ-
דער מחלל שבת זיין (תקסו):

## קיצור ספר החסידים

שג) **לא** יתן אדם ממון הרבה לבנו אלא לשם שמים (תקסו):

שד) **אדם** שיודע שבניו בני מריבה הם. יחלק הירושה בחייו. אפילו בשבתות ויו"ט צדיק אוכל לשובע נפשו ולא יותר (תקסט):

שה) **הנשמה** רוח האדם לאחר מותו יודעת כל מה שבעוה"ז (תקעא):

שו) **מי** שיש לו אב שמתבייש כשמזכירין לו אביו, שהי' רע, אסור להזכירו בפניו (תקעב):

שז) **מה** שאמרו האב שמחל על כבודו כבודו מחול היינו מדיני אדם, אבל חייב בדי"ש (תקעג):

שח) **מי** שהוא בדרך, ויודע שאביו ואמו מצטערים אולי אירע לו סכנה בדרך, כשבא למחוז חפצו בשלום מצוה על הבן לכתוב שבא בשלום (תקעה):

שט) **קללה** מזקת אפילו לאחר מיתת האדם לנשמתו (תקעו):

שי) **ע"ה** העוסק במצוה יעמדו מפניו (תקפ):

שיא) **אסור** לחתוך זנב הבהמה לקצרו וכמו"כ לצער כה"ג שאר בע"ח (תקפט):

שיב) **טוב** יותר שלא יגזול אפילו ש"פ משיגזול ויתן הרבה לצדקה (תקצה):

שיג) **מה** שאמר רשב"י ראיתי בני עלי' והם מועטים היינו בעוה"ב, אבל בג"ע יש הרבה יותר (תרב)

שיד) **כל** עניני עוה"ז נשכח והכל הבל, רק יעשה לש"ש (תרג):

שטו) **היושב** בתענית לא יכעוס. ואם יכעוס מוטב שלא התענה (תריז):

### טייערע פירהונג פאר יעדער יוד. ר'

שג) **לא.** א מענטש זאל נישט געבען זיין זוהן פיעל געלד, נאר צוליעב גאטס ן. (תקסו):

שד) **אדם.** אז א מענטש ווייסט אז זיינע קינדער ווענען קריגעדיגע. זאל לעבעדיגערהייד צו טיילען די ירושה.—אפילו אום שבת און יום טוב עסט א צדיק נאר אן זעטיגען זיך. אבער נישט מיין (תקסט):

שה) **הנשמה.** די נשמה, דעם מענטשענ'ס גייסט, נאכ'ן טויט, ווייס זיא אלץ וואס עס טהוט זיך אויף דער וועלט (תקעא):

שו) **מי.** דער מענטש וואס האט א פאטער, וואס ער שעמט זיך אז מען דערמאנט אים דעם פאטער'ס נאמען, ווייל ער איז געווען א שלעכטער, טאר מען נישט דערמאנען פאר אים דעם נאמען פון פאטער (תקעב):

שז) **מה.** דאס וואס דיא חכמים האבען געזאגט „דער פאטער וואס האט מוחל געווען אויף זיין כבוד איז זיין כבוד מחול" דאס איז נאר פון מענטשליכען דין, ער איז אבער חייב פון הימעלשין דין (תקעג):

שח) **מי.** ווער עס איז אין וועג און ווייס אז זיין פאטער און מוטער האבען שמערצין טאמער האט איהם גיטראפען עפעס א אומגליק אין וועג. איז אז ער קומט צו א ארט איז א מצוה אז דער זון זאל צו זיי באלד שרייבען אז ער איז געקומען געזונטערהייד (תקעה)

שט) **קללה.** א קללה שאדט אפילו נאכדעם וויא דער מענטש איז גישטארבען, דען עס שאדט צו דער נשמה (תקעו):

שי) **עם הארץ.** אז א עם הארץ באשעפטיגט זיך אין א מצוה בדארף מען פאר אים אויף שטיין (תקפ):

שיא) **אסור.** מען טאר נישט אפשניידען א ווידעל פון א בהמה אום צו מאכען איר קירצער, אזוי אויך טאר מען נישט מצער זיין קיין לעבעדיגע זאך (תקפט):

שיב) **טוב.** עס איז גלייכער אז מען זאל נישט רויבען אפילו דאס וואס עס איז ווערט נאר א פעניג איידער רויבען און געבען פיעל צדקה (תקצה):

שיג) **מה.** דאס וואס ר' שמעון בן יוחאי האט געזאגט „איך האב געזעהן ערהייבענע מענטשען און זיי זענען ווייניג" דאס איז נאר בעולם הבא. אבער אין גן עדן איז דא פיעל מעהר (תרב):

שיד) **כל.** אלע זאכען פון דער וועלט ווערט פארגעסען, און אלץ איז נארישקייט, דרום בדארף מען אלץ טאן נאר צוליעב גאט (תרג):

שטו) **היושב.** דער מענטש וואס פאסט זאל ער יענעם טאג גאר נישט זיין אין כעס, און אויב ער איז

## קיצור ספר החסידים

שטז) ר' אבין צ‏יים בכל ערב שבת (שם):

שיז) שמשון גבור כו' דוד חסיד כו' שלמה חכם כו' וכולם נכשלו בנשים, להודיע תוקף יצר הרע של אהבת נשים. כמה זהירות צריך להנצל ממנה. ושאן מגלין סוד לנשים (תריט):

שיח) אסור לעשות לנואף תחבולה שיבוטל ממנו התאוה לגמרי (תרך):

שיט) מעשה נורא מבחור אחד צדיק גדול, והראה א"ע פרוץ מאד (תרכג):

שכ) מי שחושב על הטובים רעה, הוא חוטא (תרכד):

שכא) אדם מחויב לנקות א"ע לפני המאמינים לדבריו, אבל לא לפני שאין מאמינים לדבריו (תרכו):

שכב) לא יספר שמחתו למי שאינו חושש בשמחתו, ולא יספר רעתו למי שאינו דואג ברעתו (תרכז):

שכג) אדם שמדבר רע על חבירו, או שמדבר עליו טוב כמו"כ מלאכי השרת מדברים עליו (תרלג):

שכד) אפילו אב לא ירוק על בתו בכעס, וכ"ש שלא ירוק על שאר בני אדם ח"ו (תרלו):

שכה) אסור לומר אם לא אעשה כך איני יהודי (תרלז):

שכו) המספר לחבירו איך קילל לאיש אחד יאמר בלשון נסתר (תרלח):

שכז) ההולך לבית חבירו וניעו יוצא מחוטמו, וכן המוליך ילדיו קטנים לבית חבירו. ודרך הוא שניעם יוצא מחוטמם, אם לא קנח נענש ע"ז שנמאס בהם חבירו (תרמא):

יש

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

איז אין כעס איז גלייכער אז ער זאל גאר נישט פאסטין (תריז):

שטו) ר' אבין. ר' אבין פלעגט פאסטין אלע פרייטאג (שם):

שיז) שמשון. שמשון איז געוועזן דער גרעסטער גבור. דוד איז געוועזן דער גרעסטער חסיד, שלמה איז גע-וועזן דער גרעסטער קלוגער. און זיי זענען אלע געשטראפט געווארען מיט ווייבער, דאס ווייזט דעם יצר הרע'ס גרויסע קראפט צו ווייבערישע ליעבשאפט.—מען בדארף האבען זעהר פיעל פארזיכטיגקייט אום צו באשערימט ווערין דערפון, — מען בדארף ווייבער נישט אויסזאגען קיין געהיימנים (תריט):

שיח) אסור. מען טאר נישט טאן קיין זאך אום מען זאל מבטל מאכען אנואף אז ער זאל גאר קיין שום תאוה נישט האבען (תרך):

שיט) מעשה. אין ספר חסידים שטייט דא א וואונדערליכע מעשה פון א בחור א גרויסען צדיק, וואס ער האט זיך אויסגעוויזען פאר א הולטיי. אבער באמת איז ער געווען זייער אנ'ערליכער (תרכג):

שכ) מי. דער מענטש וואס טראכט אויף גוטע מענטשען שלעכטס, זינדיגט ער דערמיט (תרכד):

שכא) אדם. א מענטש איז מחויב זיך פארענטפערען פאר מענטשען וואס וועלען גלויבען זיינע רייד אבער פאר מענטשען וואס וועלען אים נישט גלויבען בדארף ער זיך נישט פארענטפערען (תרכו):

שכב) לא. א מענטש זאל נישט דערצעהלען זיין פרייד אזא מענטש וואס וועט זיך דערפון נישט פרעהען. אויך זאל ער נישט דערצעהלען זיין אומגליק אזא מענטש וואס וועט נישט האבען קיין שמערצין דערפון (תרכז):

שכג) אדם. אז א מענטש רעדט שלעכטס אויף זיין חבר. אדער ער רעדט אויף אים גוטס. פינקט אזוי ריידען אויף אים מלאכים (תרלג):

שכד) אפילו. אפילו א פאטער זאל נישט שפייען אויף זיין אייגענע געצעלטער מיט צארן, א כל שכן ער זאל נישט שפייען אויף א פרעמדען מענטש (תרלו):

שכה) אסור. מען טאר נישט זאגין אויב איך וועל דאס נישט טאן בין איך נישט קיין יוד (תרלז):

שכו) המספר. אז א מענטש דערצעהלט זיין חבר וויא אזוי ער האט יענעם געשאלטען זאל ער ריידען מיט א פערשטעלטין לשון (תרלח):

שכז) ההולך. אז א מענטש גייט צו זיין חבר אין שטוב און ער האט ארויס גילאזען אומריינקייט פון נאז. אדער דער וואס פירהט זיינע קליינע קינדער צו זיין חבר אין שטוב, און דער שטייגער איז דאך אז פון זייער נאז גייט ארויס אומריינקייט, איז אויב ער האט דאס נישט אפגעווישט ווערט ער דערפאר געשטראפט. ווייל דער חבר מיאוסט זיך דאך דערפון (תרמא):

## קיצור ספר החסידים

שכח) **יש** אדם שנלכד בעון שחומד לעשות. כדי לגלות עוונו לכל (תרמו):

שכט) **תשובה** על הכל שישמור את עצמו שלא יכזב (תרמז):

של) **יש** לצדיקים להצטער על שבני אדם אין עושים רצונו של מקום (תרמח):

שלא) **חסיד** אחד אמר שהאריך ימים. ששתק למי שחירף אותו ומחל להם (תרמט):

שלב) **אב** ציוה לבנו להלין כעסו. ומעשה שהי' (תרנה):

שלג) **ממהרים** לענוש את אדם שצועקים עליו שמיצר להם, יותר מאם לא היו צועקין עלי' (תרנח):

שלד) **לא** יגנוב אפילו מן הנכרי. ומעשה נורא (תרסא):

## טײַערע פירונג פאר יעדער ייד

מי

שכח) **יש.** עס טרעפט זיך אמאל אז א מענטש ווערט גיפאנגען אין זינד וואס ער האט נאר גיגליסט צו טאָן, כדי זײַן זינד זאל יעדערין ענטפלעקט ווערען (תרמו):

שכט) **תשובה.** עס איז דא אײן תשובה אויף אלע עבירות, אז מען זאל זיך פילעווען נישט זאגען קײן ליגען (תרמז):

של) **יש.** די צדיקים בדארפען האבען שמערצען דערפון וואס עס איז דא מענטשען וואס טוהען נישט גאט'ס ווילען (תרמח):

שלא) **חסיד.** א חסיד האט גיזאגט אז ער האט לאנג גילעבט ווײַל ער האט געשוויגען יעדערין וואס האט אים געזידעלט, און ער האט יעדערין מוחל גיוועזען (תרמט):

שלב) **אב.** א פאטער האט גיהײסען זײַן זוהן אז ער זאל דעם צארן לאזין איבערנעכטיגען איבער נאכט און דורכדעם זענען באשירעמט גיווארען פון טויט צווײ אומשולדיגע מענטשען. די מעשה איז אזוי גיוועזען, דער זוהן האט זײער ערליך געהאלטען דעם פאטער, האט צו איהם גיזאגט דער פאטער, דו האלסט מיר ערליך בײַ מײַן לעבען, האלט מיר אויך ערליך נאך מײַן שטארבען, איך בעפויהל אויף דיר אז ווען דוא וועסט ווערין אין כעס, זאלסט דו דעם כעס לאזין איבער נעכטיגען, דהיינו דוא זאלסט אים אפ לײגען אויף מארגען, און דו זאלסט זיך אײַן האלטען גאר נישט רײדען. נאך דעם פאטער'ס שטארבען איז דער זוהן אוועק אין א ווײַטע מדינה. און האט איבער געלאזט זײַן פרוי א שוואנגערע. ער האט דערפון גארנישט געוואוסט. ער האט זיך גיזאמט אין וועג פיעל יאהרען אז ער איז צוריק געקומען צו זיך אין שטאדט איז ער געקומען בײַ נאכט און ער איז ארויף געגאנגען צו דער שטוב וואס זײַן ווײַב איז געוועזען, האט ער גיהערט אונטער דער טהיר וויא א בחור האט איר גיקושט. האט ער ארויס גיחאפט די שווערד פון שײד און האט גיוואלט ארײַן אין שטוב און בײדע הרג'נען אויפ'ן ארט. האט ער זיך אבער דערמאנט דעם פאטער'ס באפעהל און האט די שווערד צוריק ארײַן גערוקט אין שײד ארײַן. דערווײַל האט ער גיהערט וויא זיא האט גיזאגט צום בחור, עס איז שוין דא פיעל יאהר, צײַט דײַן פאטער איז פון מיר אוועק. ווען ער וואלט געוועזען געוואוסט אז איך האב אים גיבוירען א זוהן, וואלט ער שוין לאנג געקומען חתונה מאכען דיר. אז דער מענטש האט דאס דערהערט, האט ער פרײַנדליך אנגעקלאפט אין טהיר. און האט גיזאגט עפענט מיר טײַערע, גילויבט איז גאט וואס ער האט מיר אײַנגעהאלטען מײַן כעס. און גילויבט איז מײַן פאטער וואס האט מיר באפויהלען אײַן צו האלטען דעם כעס אײַן נאכט, דורכדעם האב איך נישט דער'הרג'ט דיר און מײַן זוהן, האבען זײ געמאכט א גרויסען מאהל-צײַט און זײ האבען זיך זעהר שטארק גיפרײַט. (תרנה):

שלג) **ממהרים.** אין הימעל הײלט מען זיך גיכער שטראפען דעם מענטש וואס מענטשען שרײַען אויף אים אז ער טהוט זײ שלעכטס, מײַן פון דעם מענטש וואס מען שרײַט נישט אויף אים (תרנח):

שלד) **לא.** מען טאר נישט גנב'נען אפילו פון א עכו"ם, און עס האט זיך גיטראפען א מענטש האט גיהאט זיהן און טעכטער, און אז זײ האבען חתונה געהאט זענען זײ געשטארבען, האט ער דאס דערציילט פאר א חכם, אזוי וויא איך האב געהאט געשעפטען מיט א גוי, איז דער גוי געשטארבען און דיא גישעפטען אונזערע זענען אויך בטל געווארען. דערנאך זענען געשטארבען מײַנע זיהן און טעכטער. און מײַן גאנץ געלט איז גיבליבען בײַ מײַנע אײדעמ'ס און שניר, וואס זענען מיר יעצט

# החסידים הראשונים

## קיצור ספר החסידים

שלה) **מי** שמתה אשתו. לא ישא אחרת כל זמן שבני אדם מזכירים אותה ומצערים עליה (תרסג):

שלו) **אפילו** בהמה לא יטריח יותר מדאי וכמו"כ [illegible]בעת לידתה לא יטריחנה וכ"ש שפחה נכרית (תרסז):

שלז) **כלב** שאינו נושך, שנכנס לבית אסור לזרוק עליו רותחים. או להכותו במקל גדול. או לדחוק אותו ברלת, או לעוור עיניו (תער):

שלח) **מי** שהוא מוכה שחין. אסור לו לרחוץ במרחץ עם ישראל אחר (תרעג):

שלט) **המתקוטט** עם גבורים. או עם מי שהשעה משחקת לו. וכיוצא בו. עתיד ליתן את הדין על שנהרג בידים (תרי"ה):

שם) **רוח** סערה שעמד בים לטבוע הספינה יכולים להפיל גורל, ועל מי שיפול הגורל ג"פ וא"ז יכולים להפילו לים (תרעט):

שמא) **אם** יברח אליך רוצח בין יהודי בין נכרי לא תקבלו (תרפג):

שמב) **אל** תהי מגן לרשעים (תרפד):

שמג) **מי** שיש לו ספר של שמות הקודש אל יניח בביתו פן יעסקו בו בניו או חתניו או תלמידיו ויגנזהו

### מיטערע פירהונג פאר יעדער יוד

יעצט אזוי וויא פרעמדע, איז אז איך האב שוין נישט גיהאט קיין זכי' איבערלאזען קינדער אויף דער וועלט. פאר וואס זענען זיי נישט געשטארבען איידער זיי האבען חתונה גיהאט, וואלט דאך מיין געלד נישט געבליבען ביי מענטשען וואס זענען מיר יעצט פרעמד. און נאך א וואונדער זעה איך אז כל זמן דער גוי האט גילעבט האב איך געהאט גליק, און דער גאנצער אומגליק איז גיווארען נאכין טויט האט דער חכם אים גיענטפערט טאמער איז דאס געלט צו דיר געקומען נישט ערליך, האט ער אים גיענטפערט ניין! איך האב קיין מענטש נישט גיטאן קיין שלעכטס. נאר אט דעם גוי האב איך אים אלעמאל אפגינארט, און האב אים גיטאן אומרעכט, ועהן מיר דערפון אז ווען ער איז געשטארבען האט דאס זיין מלאך גיזאגט און געשריגען רעדויף. און גאט טהוט דעם משפט פון דיא בארויבטע, סיי פון א יוד סיי פון א גוי. דרום טאר מען נישט גנבענ'ען דיא געוויסענהאפט אפילו פון א גוי. אויך כדי עס זאל דורכדעם נישט זיין קיין חילול השם (תרסא):

שלה) **מי**. אז א מענטש איז געשטארבען זיין ווייב זאל ער נישט נעמען א אנדערע כל זמן מענטשין דערמאנען דיא געשטארבענע און האבין דערפון שמערצין (תרסג):

שלו) **אפילו**. זאגאר א בהמה זאל ער נישט צופיעל באמיהען, און ווען זיא האלט ביים געווינען זאל ער איר אויך נישט באמיהען. א כל שכן א גוישע דינסט זאל ער נישט צופיעל באמיהען (תרסז):

שלז) **כלב**. א הונד וואס בייסט נישט, אז ער איז אריין אין א שטוב און מען וויל אים ארויס טרייבען, טאר מען נישט גיסין אויף אים קאכעדיגע וואסער. אדער שלאגין אים מיט א גרויסען שטעקען אדער אים צו קוועטשען צו דער טיהר אדער אים בלינד מאכען. נאר מען בעדארף אים אזוי ארויס טרייבען (תער):

שלח) **מי**. ווער עס האט א אומרייניגעם קאפ טאר ער זיך נישט וואשען אין באד מיט נאך איוד (תרעג):

שלט) **המתקוטט**. דער מענטש וואס קריגט זיך מיט שטארקע מענטשען, אדער מיט מענטשען וואס עס גליקט זיי דיא צייט, און דיזעסגלייכען. איז ער אנגעברייט אפגעבען רעכנונג פארי בית דין של מעלה דערפאר וואס ער זעלבסט האט זיך אליין גורם גיוועזן דעם טויט (תרעה):

שם) **רוח**. אויב עס איז געווארען א גרויסער שטורם-ווינד אויפ'ן ים, און עס האלט [אז די שיף זאל איין געזינקען ווערען, קאן מעןווארפען גורל, און אויף וועמען עס וועט פאלען דער גורל דריי מאל נאכאנאנד. קאן מען אים אריין ווארפען אין טייך (תרעט):

שמא) **אם**. אויב עס וועט צו דיר אריין לויפען א"מערדער, סיי א יוד און סיי א גוי, זאלסטו אים נישט אריין לאזען צו דיר (תרפג):

שמב) **אל**. די זאלסט נישט זיין קיין בעשיצער פון רשעים (תרפד):

שמג) **מי**. אויב א מענטש האט א ספר מיט הייליגע שמות, זאל ער אים נישט איבער לאזען ביי זיך אין

## קיצור ספר החסידים

ויגנוהו (תרפט):

שרמ) **דור** שמנהיגיו רעים הוא לפי שהי' להם מנהיג טוב והי' מבזים אותו, או לפי שהצדיקים היו נוהגים בענוה כשהי' להם למחות לרעים הי' אומרים מה אני ראוי להוכיח להם, לכך הרכיב אליהם מנהיג עד שאפילו הי' חפצים למחות לרעים, יראים מפניהם. גם אם יוכיחום לא יהי' דבריהם נשמעים (תרצד):

שמה) **יש** רשע שיש לו פרקליט אחד טוב, כגון מקבל אורחים או עוסק במתים או ארוק בצדקה וגמ"ח, מרחיקים ממנו פורעניות (תרצו):

שמו) **שנים** שיושבים ובקשו עכו"ם להרוג אחד מהם, ואחד ת"ח ואחד ע"ה, מצוה על הע"ה לומר הרגוני, ולא חברי (תרצח):

שמז) **מע'שה** בת"ח צדיק שקברוהו אצל מי שאינו הגון, בא הצדיק לכל בני העיר בחלום הרעותם לי שקברתוני אצל בית הכסא שריחו רע וקשה לי העשן, ושמו אבנים בין קבר הצדיק לקבר הרשע במחיצה, משם והלאה לא בא להם בחלום (תשה):

שמח) **אחד** הי' מבקש נקמה על שונאו שלא יהא לו מנוחה, לאחר מותו, בא ואמר לו בחלומו מה אתה סובר שאין המתים יכולים להזיק. תפש המת בגיד הנשה של החי ולמחר כאב לו באותו מקום (תשח):

שמט) **אחד** נרדם בלילה בביהכ"נ. וסגרו השמש, בחצי הלילה נעור וראה הנשמות מעוטפות בטליתות ושאר

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

שטוב. טאמער וועלען זיך מיט אים באשעפטיגען זיינע זיהן אדער זיינע איידעמ'ס, אדער זיינע תלמידים נאר ער זאל אים ערגעץ בעהאלטען (תרפט):

שרמ) **דור.** דאס וואס עס איז דאָ שלעכטע יודישע-פיהרער איז דאס דערפאר וואס עס איז געווען א גוטער פיהרער און מען האט אים פארשעמט, אדער דערפאר וואס די צדיקים האבען זיך געפיהרט זעהר ענוה'דיג אז ווען זיי האבען בעדארפט וועהרען און שטראפען א שלעכטען מענטש האבען זיי געזאגט, צו בין איך דען ראוי שטראפען מענטשען? דרום האט מען געמאכט א פיהרער וואס אפילו אז ער זאל וועלען שטראפען שלעכטע מענטשען האט ער מורא פאר זיי. און אפילו אז ער וועט זיי שטראפען וועט די רייד נישט געהערט ווערין (תרצד):

שמה) **יש.** עס טרעפט זיך א מאל אז א רשע האט א גוטען מליץ, דערפאר וואס ער נעמט צו זיך אין שטוב אורחים אדער ער באשעפטיגט זיך מיט געשטארבענע, אדער ער איז זעהר באהעפט אין צדקה און גמילת חסד. דרום דערווייטערט מען פון אים פורעניות (תרצו):

שמו) **שנים.** אז צוויי מענטשען זיצען איינער איז א למדן און דער צווייטער איז א פראסטער, און עכו"ם זענען געקומען און ווילען איינעם פון זיי הרג'נען, איז א מצוה אז דער פראסטער זאל זאגען הרג'ט מיך און נישט מיין חבר (תרצח):

שמז) **מעשה.** עס האט געטראפען א למדן א צדיק איז געשטארבען און מען האט אים באגראבען לעבען א מענטש וואס איז געווען נישט קיין ערליכער, איז דער צדיק געקומען צו אלע שטאט-מענטשען, און האט זיי געזאגט איר האט מיר שלעכטס געטאן דערמיט וואס איר האט מיר באגראבען לעבען א בית הכסא וואס דער ריח איז זייער א שלעכטער, און עס איז מיר זייער שווער צו פארנעמען דעם רויך. האבען די מענטשען געמאכט א מחיצה פון שטיינער צווישען דעם קבר פון צדיק און רשע. פון דעמאלט איז שוין דער צדיק מעהר נישט געקומען צו חלום (תשה):

שמח) **אחד.** א מענטש האט געבעטען נקמה אויף זיין פיינד אז ער זאל נישט האבען קיין רוה, נאכ'ן טויט איז יענער געקומען צו איהם אין חלום און האט צו איהם געזאגט וואס מיינסטו אז די געשטארבענע קאנען נישט שעדיגען א מענטש. האט דער געשטארבענער אנגענומען דעם גיד הנשה פון לעבעדיגען, מארגען אין דער פריה אז ער איז אויפגעשטאנען האט אים וויי געטאן יענער ארט (תשח):

שמט) **אחד.** א מענטש איז אנטשלאפען געווארען ביי נאכט אין שוהל, און דער שמש פון שוהל האט אים דארטען איבער געלאזט, און האט פארשלאסען די טהיר. אין מיטען נאכט האט ער זיך אויפגעכאפט

## קיצור ספר החסידים

ושאר בנ"א שעדיין חיים בתוכם, ולא הי' ימים מועטים וכיתו (תשיא):

שנ) **צריך** האדם להצטער כשמצטערין הצבור. כגון שמת ת"ח. בגיו של אדם מתים על שלא בכה על מיתת צדיקים (תשיד):

שנא) **אדם** שמתו בניו בחייו עומדין אותו לדין ע"ז לעוה"ב (תשטז):

שנב) **אב** שציוה לבנו להוליכו לקברי אבותיו, אם הבן יודע שיסריח עד שיבוא שם לא יוליכנו (תשכא):

שנג) **אף** שאין מזיזין הגוסס. אעפ"כ אם נפלה דליקה בבית יטלנו משם. בדליקה יציל החי הבריא קודם. ואח"כ החולה המסוכן, ואח"כ המת, ואח"כ ספרים (תורה, נביאים, כתובים, תושבע"פ) (תשכד):

שנד) **המגעיל** כלים לחג הפסח. בעל תורה הבקי יגעיל (תשלא):

שנה) **שני** מתים בעיר יקברו אותו שמת ראשון, ואם האחרון נפוח יקברו האחרון ראשון (תשמג):

שנו) **לא** ישמש ממתו בשעה שאביו או אמו גוססין (תשמד):

שנז) **לא** יבקש על שונאיו שיענשו. אלא יבקש שישלימו אתו (תשנ):

שנח) **כשחלה** אדם. לא יתלה החולה במאכל ובמשתה וכיוצ"ב ואפילו חבלוהו בני אדם כו'. רק יתלה הכל בהקב"ה (תשנא):

שנט) **המתפלל** על שונאיו זהו הסידות יתירה. ואז עונים לו על כל בקשותיו שמבקש על עצמו (תשנג)

מי

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד.

אויפגעהאפט און האט געזעהן ווי נשמות זענען איינגעהילט אין טליתים און לעבעדיגע מענטשען זענען אויך צווישען זיי. און עס האט לאנג נישט געדויערט אז די לעבעדיגע מענטשען וואס זענען דארט גי ווען זענען גישטארבען (תשיא):

שנ) **צריך.** א מענטש בדארף האבען שמערצען אז דאס פובליקום האט שמערצען. דהיינו ווען עס איז גישטארבען א למדן.—ביי א מענטש שטארבען קינדער דערפאר וואס ער האט נישט געוויינט אויף צדיקים וואס זענען גישטארבען (תשיד):

שנא) **אדם.** א מענטש וואס זיינע קינדער זענען גישטארבען ווען ער האט גילעבט, וועט מען אים דערפאר שטעלען פאר'ן בית דין של מעלה (תשטז):

שנב) **אב.** אז א פאטער האט אן גיזאגט זיין זוהן אז ער זאל אים פירען צום קבר פון זיינע עלטערין איז אויב דער זוהן ווייס אז דער פאטער וועט מסריח זיין ביז ער וועט אים אהין ברייגגען בדארף ער אים נישט פאלגען און נישט פירען אהין (תשכא):

שנג) **אף.** חאטש מען טאר נישט ריהרען א מענטש וואס איז גוסס. פון דעסטוועגען אויב עס ברענט אין שטוב זאל מען דעם גוסס'דיגען ארויס נעמען.—אז עס ברענט בדארף מען פריהער באשירעמען א גיזונדטען. דערנאך א גיפעהרליך-קריינקען, דערנאך א גישטארבענעם, דערנאך ספרים (פריהער תורה, דערנאך נביאים, דערנאך כתובים, דערנאך גמרות) (תשכד):

שנד) **המגעל.** אז מען דארף כשר'ן כלים אויף פסח, זאל דאס כשר'ן א מענטש וואס קאן לערנען תורה (תשלא):

שנה) **שני.** אז עס איז דא צוויי גישטארבענע זאל מען פריהער באגראבען דעם וואס איז פריהער געשטארבען. אבער אויב דער לעצטער איז א גישוואלענער זאל מען פריהער באגראבען דעם לעצטען (תשמג):

שנו) **אל.** מען טאר נישט משמש המטה זיין אז זיין פאטער אדער מוטער זענען גוסס (תשמד):

שנז) **לא.** מען טאר נישט בעטען אויף זיינע פיינד אז זיי זאלען גישטראפט ווערען, נאר ער זאל בעטען אז זיי זאלען ווערען שלום מיט אים (תשנ):

שנח) **כשחלה.** ווז א מענטש ווערט קראנק זאל ער נישט אנהענגען די קראנקהייט דורכ'ן עסען אדער טרינקען און דערגלייכען, און אז אפילו מענטשען האבען אים פערדארבען, פינדעסט-וועגען זאל ער אלץ אנהענגען אז דאס קומט פון גאט (תשנא):

שנט) **המתפלל.** אז א מענטש בעט גוטס אויף זיינע פיינד איז דאס גרויסע פרומקייט, און דאמאלס ענטפערט

## קיצור ספר החסידים

שם) **מי** שרגיל להתפלל ביוה"כ, או שרגיל בשאר מצות, ולא התפלל פ"א או עזב המצוה שרגיל בה
הוא סכנה (תשנה):

שסא) **אם** רואה שעושין מחלוקת עליו אל יתפלל (תשנז):

שסב) **מי** שהוא בעל מריבות וקטטות לא יעשה בעל תוקע, וכיוצא בו שאין קטיגור כו׳ (תשנח):

שסג) **אפילו** אנשים פשוטים שמוסיפין שכר על מצות של בה"כ שלא לש"ש. אעפ"כ יתנו להם
(תשסה):

שסד) **לא** ישב ולא יעמוד להתפלל אצל אדם רשע שהשכינה מתרחקת ממנו (תשע):

שסה) **יש** להדוק האזור במתניו היטב. בשעת התפילה, וכן בשבת (תשעג):

שסו) **המתפלל** בכוונה ונפל הסידור מידו על הארץ לא יגבהנו. המתפלל בכוונה נוחל עוה"ב (תשעו):

שסו) **לא** יצא אדם מבה"כ עד שסיימו הקהל כל התפילה (תשעט):

שסח) **המכון** בתפילתו, והתחיל הש"ץ בקו"ר ברוך, והוא עומד באמצע התפלה יכול לילך לאחוריו
שיסברו שסיים כבר התפלה ולא יתלוצצו ממנו (תשפר):

שסט) **אשה** שילדה תאומים, או שנים בשנה אחת צריך להתפלל להקב"ה שיתקיימו (תשצב):

שע) **דעתן** שמנהיג אותו משוגע, וצדיק שמושל בו רשע, ואדם נכבד שצריך לנבל. צריכים צדיקים
להתפלל להקב"ה שיושיעם מידם (תשצז):

אין

## טײַערע פֿירונג פֿאַר יעדער יוד

ענטפֿערט מען אים אויף אַלע זײַנע גיבעט וואָס ער בעט פֿאַר זיך (תשנג):

שם) **מי** דער מענטש וואס איז געוואָהנט דאוונען פֿאַר'ן עמוד אום יום הכפורים, אָדער ער איז געוואָהנט
טאָן עפּעס אַ מצוה, איז אויב איין מאָהל דאווענט ער נישט אָדער טהוט נישט דיא מצוה
איז דאָס געפֿעהרליך (תשנה):

שסא) **אם**. אז אַ מענטש זעהט אז עס ווערט אַ מחלוקת אז ער זאָל נישט דאוונען פֿאַר'ן עמוד, זאָל
ער נישט דאוונען פֿאַר'ן עמוד (תשנז):

שסב) **מי**. דער מענטש וואס איז אַ בעל מחלוקת, ער קריגט זיך שטענדיג, זאָל ער נישט
ווערין קיין בעל תוקע, און דערסטגלייכען, ווייל אַ קריגער קאָן נישט ווערין אַ איבער-בעטער
(תשנח):

שסג) **אפילו**. אז אַפילו פּראָסטע מענטשען ווילען צאָהלען מעהר פֿאַר מצות אין שוהל, חאָטש דאָס
איז נישט לשם שמים, פֿינדעסטוועגען בדאַרף מען זיי געבען די מצות (תשסה):

שסד) **לא**. אַ מענטש זאָל זיך נישט זעצען, און זיך נישט שטעלען, דאוונען לעבען אַ מענטש אַ רשע,
ווייל דיא שכינה דערווייטערט זיך פֿון אים (תשע):

שסה) **יש**. מען בדאַרף שטאַרק צו קוועטשען דעם גאַרטיל צו די לענדען בשעת'ן דאוונען. אויך אים
שבת בדאַרף מען שטאַרק צו קוועטשען דעם גאַרטיל, וואָרום אויב נישט טאָר מען אים
נישט טראָגין אין גאַס (וואו עס איז נישטאָ קיין עירוב) ווייל ער איז דאָך איבעריג (תשעג):

שסו) **המתפלל**. אז אַ מענטש דאווינט מיט כוונה און עס איז אַרויס געפֿאַלען דער סידור פֿון זיין
האַנד אויף דער ערד זאָל ער אים נישט אויפֿהויבען—דער מענטש וואס דאווינט מיט
כוונה וועט ער ירשנען עולם הבא (תשעו):

שסו) **לא**. אַ מענטש זאָל נישט אַרויס גיין פֿון שוהל ביז דאָס פּובליקום האָט געענדיגט דאָס גאַנצע
דאוונען (תשעט):

שסח) **המכון**. דער מענטש וואס איז מכון אין דאוונען, און דער חזן האָט שוין אָן געהויבען הויך
ברוך (די שמונה עשרה) און ער האַלט נאָך דאַמאָלט אין מיט'ן שמונה עשרה, קאָן ער
אויסגיין אין מיט'ן שמונה עשרה, כדי מען זאָל מיינען אז ער האָט שוין געענדיגט די שמונה עשרה
אום מען זאָל פֿון אים נישט לאַכען וואס ער איז אַזוי מאריך בתפלה (תשפר):

שסט) **אשה**. אז אַ פֿרוי האָט געבוירען אַ צווילינג, אָדער זי האָט געבוירען צוויי קינדער אין איין
יאָהר, בדאַרף מען בעטען גאָט אז זיי זאָלען געזונד זיין (תשצב):

שע) **דעתן**. אַ קליגען מענטש וואס עס פֿיהרט אים אַ משוגענער, אָדער אַ צדיק וואס אויף אים
געוועלטיגט

## קיצור ספר החסידים

שעא) איך משיבין על הקלקלה, ובמקום שיש תועלת בזה שמודיע לו, יש להודיעו (תתב):
שעב) אשה שמת אבי' ואמה ואינה יודעת מותר לבעלה לשמש עמה (תתג):
שעג) אחר קדושה בששומע אמן יהש"ר בחדר שני, יש לילך למלאות לעשרה ובן לראות קשת ולברך
עליו (תתז):
שעד) בית הסמוך לבית הכנסת ומאפיל על חלון בה"כ סכנה (תתיג):
שעה) לא יעשה בית הכסא מכוון נגד בית המדרש (תתיד):
שעו) צריך לעשות צרכיו קודם התפלה וקודם האכילה (תתיח):
שעז) כשמברך איזה ברכה להקב"ה, צ"ל בקו"ר (תתכ):
שעח) כשכסה דם עוף ובירך עליו, לא יתכן שישתין שם (תתכה):
שעט) אם יש אורחים בביתו לא יניח הקטנים לאכול עמהם בקערה, וגם יקנח סביב חוטמיהן שלא
ימאסו, דבר שהעכו"ם נוהגין איסור ולא ישראל, אם יודע הישראל שאם יאכל יהי' חילול
השם בזה, לא יאכל (תתכט):
שפ) יש לשרוף זבובים כדי שלא יפלו לתבשיל (תתלא):
שפא) אם בירך על מים ושמע שמת אחד בשכונתו, ישתה מעט וישפוך השאר (תתנא):
שפב) אשה הרה בחודש הט', בע"ש תטמין לה המין שמא תלד בשבת ולא תצטרך לחלל שבת (תתנה):
כשיש

### טײַערע פֿירונג פֿאַר יעדער ייִד

גיוועלטיגט א רשע, אדער א ערליכער מענטש וואס בדארף זיך באשמוצען, בדארפען צדיקים בעטען
גאט אז ער זאל זיי ארוים העלפען פון זייערע הענד (תשצז):
שעא) איך. מען בדארף ניט דערציילען א שלעכטע זאך אבער וואו דאס ערציילען וועט ברענגען
נוצען, בדארף מען דאס ערציילען (תתב):
שעב) אשה. א פרוי וואס עס איז געשטארבען איר פאטער אדער איר מוטער און זיא ווייס ניט
מעג איר מאן משמש המטה זיין (תתג):
שעג) אחר. נאך קדושה אז ער הערט אז אין צווייטען צימער ענטפערט מען אמן יהא שמי רבה בדארף
ער אהין ארײַן גײן, און אזוי אויך אויב מען זעהט אין מיטען די הויכע שמונה עשרה נאך
קדושה א פײלען-בויגען בדארף מען ארוים גיין און מאכען די ברכה (תתז):
שעד) בית. א שטוב וואס איז נאהענט צום שוהל און זיא פארשטעלט דעם פענסטער פון שוהל איז
דאס געפעהרליך (תתיג):
שעה) לא. מען טאר ניט מאכען דעם בית הכסא פונקט אנטקעגען די שוהל (תתיד):
שעו) צריך. א מענטש בדארף טאן זיינע מענטשליכע בעדערפעניש פאר'ן דאווענען און פאר'ן עסען
(תתיח):
שעז) כשמברך. אז א מענטש זאגט א ברכה בדארף ער דאס זאגען הויך (תתכ):
שעח) כשכסה. אז א מענטש האט מקיים געווען די מצוה בסוי הדם, ער האט געמאכט א ברכה
אויף כיסוי הדם און האט דאס בלוט צוגעדעקט, בדארף ער דערנאך דארטען ניט משתין
זיין (תתכה):
שעט) אם. אויב עס איז דא געסטע אין שטוב, זאל ער ניט לאזען די קליינע קינדער עסען מיט די
געסט אין איין טעלער,—אויך זאל ער אפווישען לעבען זייער נאז, אום מען זאל זיך ניט
מיאוסין.—אזאך וואס עכו"ם האלטען דאס פאר א איסור-זאך און עסען דאס ניט, אבער יודען האל-
טען דאס ניט פאר קיין איסור, און עסען דאס יא, איז אויב דער יוד ווייס אז אויב ער וועט דאס עסן
אין געגענווארט פון א עכו"ם וועט דערפון זיין א חילול השם, זאל ער דאס ניט עסען (תתכט):
שפ) יש. מען מעג פארברענען פליגען, אום זיי זאלען ניט ארײַן פאלען אין געקעכץ (תתלא):
שפא) אם. אויב א מענטש האט געזאגט א ברכה אויף וואסער, און דערווייל האט ער געהערט אז
לעבען דער שטוב איז עמיצער געשטארבען, זאל ער טרינקען אביסעל וואסער (אום עס זאל
ניט זיין א ברכה לבטלה) און די איבעריגע וואסער זאל ער אויסגיסען (תתנא):
שפב) אשה. א שוואנגערע פרוי אין ניינטען חודש בדארף זיא פרייטאג אן גרייטען הייסע וואסער
ווייל

## קיצור ספר החסידים

שצא) **כלי** שהי בו מים ושפך ממנו לתוך הקדירה שיש בה עפצים לדיו ונשאר בכום מן המים לא ישפך בספר שיש בו רעי או לרחוץ ידיו שהם מטונפות (תתפט):

שצב) **כשיש** על אצבעו דיו מאותיות הכתיבה של ספרים לא יקנח האצבע במנעלו (תתצ):

שצג) **קולמסי** הכתיבה של ספרי הקודש לא יהיו מונחים בבזיון (תתצב):

שצד) **אין** לגרור מעץ קטן שמראין בו לנערים האותיות, והנגרר ממנו להשליך לארץ, וכן יזהר כשמתקן קולמוס שכתב ד"ת והשם שלא יפול מה שנגרר לארץ (תתצג):

שצה) **קולמוס** שכתב בו ד"ת אין לעשות בו מלאכה אחרת, ואל ישליכנו לארץ לפי שידרסו עליו אלא אם נשבר תגנז אותו. כשיש חיכוך באדם לא יחכך בקולמוס (תתצד):

שצו) **לא** יצניע שום דבר בספר (תתצט):

שצז) **קערה** או כום או כלי עם צורה אל ישתמש בהם עד שיגרר הצורה מעליו (תתקא):

שצח) **אדם** שמעתיק את הספר לא ישים ספר אחר למעלה מן השיטה כדי שלא יטעה (תתקב):

שצט) **אם** ישב בחמה לא ישים ספר להגין, ואם אינו יכול ללמוד מפני שהשמש זורח על הספר והוא מגין בספר נגד השמש, כדי שיהא לו צל מותר, רק לא יכוין להנאתו (תתקד):

צריך

## טייערע פירהרונג פאר יעדער יוד

גרויסע כלי וואסער. און איבערלאזען. און מען בדארף זיין געהיט אז נאכדעם ווי מען האט גיזאגט א ברכה אויף א כלי וואסער זאל מען אויסטרינקען די גאנצע כלי וואסער.— מען טאר נישט געבען א עכו"ם פון א כלי וואס ער איז גיוואהנט צו מאכען אויף איר א ברכה.—אויף גיבעקס וואס מען האט דערויף גיזאגט א ברכה זאל מען פון דעם ברויט נישט געבען צו א עכו"ם.—פון דעם געבעקס וואס מען מאכט דערויף די ברכה המוציא בדארף מען דערפון א שטיקעל איבערלאזען אום דאס צו עסין נאכ'ן עסין כדי דער טעם פון המוציא זאל זיין אין מויל (רתפח):

שצא) **כלי.** א כלי וואס דערין איז גיוועזן וואסער, און ער האט פון דער כלי אריין גיגאסען א ביסעל וואסער אין א טאפ וואס דארטין איז דא גאללעס אויף טינט (וואס פון דעם טינט ווט מען שרייבען א ספר תורה) און אין דער כלי איז איבער געבליבען וואסער. זאל ער דאס וואסער נישט אריין גיסען אין א כלי פון אומרייניקייט, אדער וואשין די הענד וואס זענען איינגעריכט (תתפט):

שצב) **כשיש.** אז עס איז דא טינט אויף דעם פינגער, פון דעם וואס ער האט געשריבען ספרים זאל ער דעם פינגער נישט אבווישען ביים שטיוועל (תתצ):

שצג) **קולמסי.** די פעדערס וואס מען שרייבט מיט זיי תורה זאלען נישט ליגען שענדליך (תתצב):

שצד) **אין.** מען טאר נישט אבשאהבען דעם שפיץ פון א טייטעל וואס מען ווייזט דערמיט די קינדער די אותיות. און דאס שאבעכץ אראפ ווארפען אויף דער ערד.—אזוי אויך בדארף מען זיין געהיט אז מען פאריכט א פעדער וואס ער האט דערמיט געשריבען תורה, זאל ער נישט אראפ ווארפען דאס וואס ער האט אבגעשאבען אויף דער ערד (תתצג):

שצה) **קולמוס.** א פעדער וואס מען האט מיט איר געשריבען תורה טאר מען מיט איר נישט טאן א אנדערע מלאכה. אויך טאר מען איר נישט אראפ ווארפען אויף דער ערד. וועיל מען וועט דאך אויף איר טרעטען. נאר אויב זיא איז צעבראכען גיווארען זאל ער איר בעהאלטען.—אז עס בייסט א מענטש זאל ער זיך נישט קראצען מיט דער פעדער (תתצד):

שצו) **לא.** מען טאר קיין זאך נישט בעהאלטען אין א ספר (תתצט):

שצז) **קערה.** א שיסעל. אדער א כוס. אדער א כלי, וואס עס איז דא דערויף א צורה טאר מען דאס נישט ניצען ביז מען רייבט דערפון אראפ די צורה (תתקא):

שצח) **אדם.** אז א מענטש שרייבט פון א ספר טאר ער נישט ארויף לייגען א אנדער ספר אויף דעם ספר וואס ער שרייבט פון אים, כדי ער זאל נישט האבען קיין טעות און ער זאל וויסען וועלכע שורה ער האלט יעצט ביים שרייבען (תתקב):

שצט) **אם.** אויב א מענטש זיצט אנטקעגען דיא זוהן זאל ער נישט אנטקעגען שטעלין א ספר אום צו פארשטעלין פון אים דיא ווארימקייט פון דער זוהן, אבער אייב ער קאן נישט לערנען וועיל דיא זוהן שיינט אויפ'ן ספר וואס ער לערינט און ער באשיצט זיך מיט דעם ספר אנטקעגין דיא זוהן

## קיצור ספר החסידים

ת) **צריך** להניח תורה שבכתב בתיבה אחת לבד ותורה שבע"פ בתיבה אחת לבד (תתקח):

תא) **פעם** אחת הוציאו צדיק מקברו והכוהו בא לאחד בחלום אמר לפי כשהייתי רואה הספרים נמחקים לא הייתי קושרם במבלאות לכך הוציאוני והכוני (תתקיא):

תב) **אסור** למשכן ספרים לעכו"ם אפילו יהי' מונחים בבית ישראל שזהו בזיון לספרים (תתקיד):

תג) **חייב** אדם להזהר מאד בכבוד ספרים (תתקטו):

תד) **אם** יש ספרים בבית אין לישן שינת קבע אלא אם כן יכסם בבגד (תתקיז):

תה) **לא** יכסה צואה באפר חם שמזיק לגוף שיצא ממנו הצואה (תתקיט):

תו) **מביאין** אדם לדין על שלא למד בנערותו כי אז זוכר הקושיות ותירוצים (תתקכא):

תז) **אם** רוצה למכור ספרים ימכור תורה שבע"פ ואח"כ תורה שבכתב (תתקכח):

תח) **כשגולל** ס"ת במפה יש להיות מקום היופי של המפה לצד הס"ת (תתקלא):

תט) **הכותב** שני יודי"ן לרמז להקב"ה מותר למוחקו (תתקלה):

תי) **לא** יכתוב לאדם נדיב יהי כבוד אדוני מבורך וכו', שמהפך פסוק של שבח להקב"ה על בו"ד (תתקלו):

תיא) **אם** יעסוק אדם בתלמוד לעתיד לבוא ילך עם בעלי תלמוד שעסקו בתלמוד. אם עסק במקרא ילך עם עוסקי מקרא. אם במשנה ילך עם עוסקי משנה. וכן באגדה. וכן עם כותבי ספרים. לכך ירא אלקים יצא את כולם (תתקלט):

אסור

## טײַערע פיהרונג פאַר יעדער יוד

זוהן מעג ע"', נאָר ער זאָל ניט טראַכטען אַז דאָס איז צוליעב זײַן פערגעניגען (תתקד):

ת) **צריך.** מען בדאַרף לײַגין תנ"ך אין אַ בעזונדער שאַנק, און גמרות אין אַ בעזונדער שאַנק (תתקח):

תא) **פעם.** אַמאָל האָט מען ארויסגענומען אַ צדיק פון זײַן קבר און מען האָט אים געשלאָגען, איז ער צו עמיצען געקומען אין חלום, און האָט אים געזאָגט אַז דאָס איז דערפאַר וואָס ווען ער האָט גיזעהן אַז ספרים ווערין אָפּ גערִיבען (דורכדעם וואָס זיי זענען ניט גיווען אײַן געבונדען) און איך האָב זיי ניט אײַן געבונדען, דערפאַר האָט מען מיר אַרויסגענומען און געשלאָגען (תתקיא):

תב) **אס.ר.** מען טאָר ניט געבען אַ עכו"ם אַ משכון ספרים. אַפילו אַז דיא ספרים וועלען ליגען בײַ אַ יוד, ווײַל דאָס איז אַ שאַנדע פאַר דיא ספרים (תתקיד):

תג) **חייב.** אַ מענטש בדאַרף זײַן זעהר געהיט ערליך האַלטען דיא ספרים (תתקטו):

תד) **אם.** אויב עס איז דאָ ספרים אין אַ שטוב טאָר מען דאָרט ניט שלאָפען, סײַדען ער זאָל דיא ספרים צו דעקען מיט אַ מלבוש (תתקיז):

תה) **לא.** מען טאָר ניט צו דעקען אומרײַנקײַט מיט הײַסע אש, ווײַל דאָס שאַדט צום קערפּער וואָס עס איז פון אים אַרויס דאָס אומרײַנקײַט (תתקיט):

תו) **מביאין.** מען ברענגט אַ מענטש פאַר'ן בית דין של מעלה דערפאַר וואָס ער האָט ניט גילערנט יונגערהייט, וואָס דעמאָלס גידענקט ער אַלע קשיות און אַלע תירוצים (תתקכא):

תז) **אם.** אַז אַ מענטש וויל פערקויפען זײַנע ספרים זאָל ער פריהער פערקויפען גמרות [און אַנדערע ספרים] אין דערנאָך זאָל ער ערשט פערקויפען תנ"ך (תתקכח):

תח) **כשגולל.** אַז אַ מענטש איז גולל אַ ספר תורה מיט אַ וויקעל-שניר בדאַרף ער אַרום וויקלען דיא שײַנע זײַט פון טישטאַכיל צום זײַט פון ספר (תתקלא):

תט) **הכותב.** אַז אַ מענטש שרײַבט צווײַ יודין אַנשטאָט ה', מעג ער דאָס אָפּ מעקין (תתקלה):

תי) **לא.** מען טאָר ניט שרײַבען צו אַ מענטש יהי כבוד אַדוני מבורך [עס זאָל זײַן גיבענשט דער כבוד פון מײַן האר] ווײַל ער לײַגט דאָך איבער דעם פסוק וואָס איז אַ לויבעניש צו גאָט, אויף אַ מענטש וואָס איז אַ געבוירענער (תתקלו):

תיא) **אם.** אַז אַ מענטש לערנט גמרא וועט ער בעולם הבא גײן מיט דיא בעלי גמרא, אויב ער לערנט פסוק וועט ער בעולם הבא גײן מיט דיא מענטשען וואָס האָבען געלערנט פסוק, אויב ער לערנט משניות וועט ער גײן בעולם הבא מיט דיא מענטשען וואָס האָבען גילערנט משניות. אין אזויא איז אויך מיט דיא מענטשען וואָס האָבען גילערנט אגדה, און מיט דיא מענטשען וואָס האָבען געשריבען ספרים

דהום

## קיצור ספר החסידים

תיב) **אסור** לשאת ספר להיפך (תתקמג):

תיג) **טוב** שיחזור ההלכה עם אותם חפ ותי ז מכמותו כדי שלא ילכו בטלים. משיחזור עם חבריו
הדוגי לו (תתקמו):

תיר) **מעשה** באדם אחד שהי' מחזר ההלכה עם בני עניים, והי' הולך אחריהם להקיצם משנתם,
ומחזיר עמהם שלשה פעמים בכל יום (תתקמז):

תטו) **אחר** האכילה ילך ד' אמות ואח"כ ילמוד (תתקמח):

תטז) **אם** בא מלך ברוב חיל ותפארת והצדיק הלך לקראת המלך פעם אחת. לא ילך פעם אחרת
ולא יבטל מלמודו. אבל אם שמע שהמלך יבוא בחיל יותר ובכבוד גדול יותר ילך (תתקנ):

תיז) **יותר** טוב שיעסוק אדם במלאכה בשעת קציר ובציר ובשעה שיכול להרויח, וירויח. ואח"כ
יעסוק בתלמוד תורה, אבל אם יש לו ממון הרבה וממונו ג.י.' נאמנים להרויח ויכול
להתפרנס אז יותר טוב שיעסוק בתורה (התקנא):

תיח) **לא** יקח אדם אשה רגזנית ואפילו היא צנועה. אלא יקח צנועה שאינה רגזנית (שם):

תיט) **כשיש** לאדם פרנסה ויכול להרויח במלאכת עראי כדי צרכו יעשה תורתו קבע ומלאכתו עראי
ולא יאמר אם אין קמח אין תורה ולא יעשה מלאכתו קבע ותורתו עראי. לא ישב אדם בטל
רגע אחד, כי יותר מעניש אדם כשיושב בטל או עוסק בדברים בטלים ממה שעוסק במלאכתו
אע"פ שיש לו הרבה. כשיש לאדם נאמן שיעסוק במה שיש לו והוא מאמינו אז יעשה כרבי שמעון
בן

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

דרום אגאט'ס פארכטיגער מענטש בעדארף אלץ יוצא זיין, און אלץ לערנען, וועט ער מיט אלעמען גיי
(תתקלט):

תיב) **אסור.** מען טאר נישט טראגן א ספר פארקעהרט (תתקמג):

תיג) **טוב.** עס איז גלייבער מען זאל איבער חזר'ן דאס לערנען מיט מענטשען וואס זענען פראסטער
פון אים, אום זיי זאלען נישט ארום גיין ליידיג. איידער חזר'ן מיט זיינע חברים וואס
זענען גלייך צו אים (תתקמו):

תיר) **מעשה** עס איז געווען א מענטש וואס האט גיחזר'ט דאס לערנען מיט ארימע קינדער, און
ער פלעגט אליין גיין צו זיי אויף וועקן פון שלאף. און ער האט מיט זיי גיחזר'ט
דריי מאל אין טאג (תתקמז):

תטו) **אחר.** נאכ'ן עסען זאל ער גיין פיער איילן. דערנאך זאל ער זיך ערשט זעצען לערנען (תתקמח):

תטז) **אם.** אויב עס איז געקומען א קעניג מיט פיעל מיליטער און מיט פיעל פאראד און דער צדיק
איז שוין איין מאל געגאנגען אנטקעגען אים, בדארף ער שוין נישט גיין נאך אמאל. אום
ער זאל נישט מבטל זיין פון לערנען. אבער אויב ער האט גיהערט אז דער קעניג וועט קומען מיט
מעהר מיליטער און מיט מעהר פאראד זאל ער גיין נאך א מאהל (תתקנ):

תיז) **יותר.** עס אז גלייכער אז א מענטש זאל זיך באשעפטיגען מיט ארבעט, אין דער צייט פון
שניט און רייסען, און אלע צייטען וואס ער קאן פערדינען. און ער זאל פערדינען,
דערנאך זאל ער לערנען תורה, אבער אויב ער האט פיעל געלט, און זיין געלט איז ביי ערליכע לייט
וואס ער פארדינט אויף זיך ערגעהרען, איז גלייכער אז ער זאל לערנען תורה (תתקנא):

תיח) **לא.** א מענטש זאל נישט נעמען א ווייב וואס זיא איז א בייזע, האמץ זיא איז א צנועה. נאר
ער זאל נעמען א צנועה וואס זיא איז נישט קיין בייזע (שם):

תיט) **כשיש.** אז אמענטש האט פרנסה און ער קאן פערדינען לויט זיין באדערפעניש פון צייטווייליגע
ארבייט, זאל ער דאס לערנען תורה מאכין פאר א שטענדיגע זאך, און דיא ארבייט
פאר א צייטווייליגע, און ער זאל נישט זאגען אז עס איז נישטא קיין ברויט איז נישטא קיין תורה,
און ער זאל נישט מאכען זיין ארבייט פאר א שטענדיגע זאך, און דיא תורה א צייטווייליגע. —
א מענטש זאל נישט זיצען א סעקונדע ליידיג, ווייל אז א מענטש זיצט ליידיג אדער ער באשעפטיגט
זיך מיט פוסטע זאכין, שטראפט מען אים מעהר פון דעם מענטש וואס באשעפטיגט זיך מיט זיין
ארבייט

## קיצור ספר החסידים

תכו) **הזהר** מלהתחתן מחמת אהבת אדם, אם אינו ראוי לכך, או ליתן לו בנך ללמוד, או ליקח אותו למוהל. ולא תכנוס במחלוקת מחמת אהבת אדם, ואסור לשנוא אלא למי שהקב"ה שונא (תתקעג):

תכז) **אדם** ששמע טעם טוב או קושיא טובה או תירוץ טוב מצדוקי או מכותי או מאדם שמחטיא את הרבים אל יאמר דבר משמו (תתקעז):

תכח) **כשמזכירין** תלמידי חכמים אין צריך לומר זכרונם לברכה כמו שאין אומרים כשאנו קוראים בתורה על משה ועל אהרן ז"ל, יכ"ש באחרים. וכן אין כותבין ז"ל (תתקפ.תתקפא.

תכט) **אם** אדם מדבר בשבח צדיקים בין יהודים בין עכו"ם בגין אותו פלוני עשה לישראל אותו הטובה רשאי לומר זכור לטוב (התקפב):

תל) **כשיכתוב** אדם פירוש על גמרא או חיבר אחר. יש לבאר היטב שיבינו הכל מה שכתב (תתקפד)

תלא) **אל** יתחבר אדם לרשע אפילו לקרבו לתורה (תתקפו):

תלב) **צריך** להרחיק מאד את אדם הרכיל (תתקפז):

תלג) **לא** יאמר הרב אניח להלמיד ע"ל בביתי כדי שאזכנו וילמוד ממעשי, לא יועיל. כי יותר ילמוד לבני ביתו עולה (תתקפח):

תלד) **זרה** יש לו לאדם לסבול עד שיגרש את תלמידו עבור תרעומות בני אדם עד שיודע בושתו (תתקצ):

הרב

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

תכו) **הזהר.** זאלסט זיין געהיט זיך נישט מתחתן זיין צוליעב מענטשליכע-ליעבשאפט, אויב יענער איז דערצו נישט ראוי. אדער אויב יענער איז נישט ראוי זאלסטו עם נישט געבען דיין זוהן צום לערנען. אדער זאלסט אים נישט נעמען פאר א מוהל. אויך זאלסטו זיך נישט קריגען צוליעב מענטשליכע-ליעבשאפט. — מען טאר נישט א מענטש פיינד האבען נאר סיידין אז גאט האט איהם פיינד (תתקעג)

תכז) **אדם.** א מענטש וואס האט געהערט א גוטען טעם אדער א גוטע קשיא אדער א גוטען תירוץ פין א צדוקי. אדער פין א כותי אדער פין א מענטש וואס מאכט זינדיגען פיעל מענטשען זאל ער דאס נישט זאגען אין זיין נאמען (תתקעז):

תכח) **כשמזכירין.** אז מען דערמאהנט דעם נאמען פין תלמידי חכמים בדארף מען נישט זאגן זכרונם לברכה. [זייער דערמאהנונג זאל זיין צום בענטשונג] אזוי וויא מען זאגט נישט זכרונו לברכה אויף משה און אהרן ווען מען לייענט אין דער תורה. איז אכל שכן אנדערע תלמידי חכמים בדארף מען געוויס נישט זאגען זכרונו לברכה. — אויך אזוי בדארף מען אויף זיי נישט שרייבען זכרונו לברכה (תתקפ.תתקפא):

תכט) **אם.** אז א מענטש רעדט דיא לויב פין ערליכע לייט. סייא יודען און סייא עכו"ם, דהיינו אט יענער מענטש האט א טובה געטאן א יוד. מעג ער זאגין זיין נאמען זאל ייערען דערמאהנט צום גוטען (תתקפב):

תל) **כשיכתוב.** אז א מענטש שרייבט א פירוש אויף גמרא. אדער א אנדער ספר. בדארף ער אלץ שרייבען דייטליך. כדי יעדערער זאל אלץ פערשטיין וואס מען האט געשריבען (תתקפד):

תלא) **אל.** א מענטש זאל זיך נישט באהעפטען צו א רשע. אפילו אום ער זאל איהם דערמיט דערנענטערן צו דער תורה (תתקפו):

תלב) **צריך.** מען בדארף זעהר דערווייטערען א מענטש וואס רעדט רכילות (תתקפז):

תלג) **לא.** א מענטש זאל נישט זאגין איך וועל לאזען זיין ביי מיר נישט קיין ערליכען תלמיד אום איך זאל אים מזכה זיין אז ער וועט זיך אפלערנען פין מיינע מעשים. ווייל דאס וועט נישט העלפען און ער וועט גיכער אויסלערנען דיא שטוב מענטשען אז זיי זאלען טאן אומרעכט (תתקפח):

תלד) **הרבה.** פיעל בדארף א מענטש ליידען ביז ער זאל ארויסטרייבען זיין תלמיד כדי עם זאל נישט זיין א פערדראס פין מענטשין. נאר ווען עס איז יערערין בעוואוסט זיין פארשעהמונג.

דעמאלט

## קיצור ספר החסידים

תלה) **הרב** יעשה ביהמ"ד מצד אחר שלא יסתכלו הנכנסים והיוצאים באשתו או בבתו או בכלתו הרי מצות תורתו באה בעבירה (תתקצא):

תלו) **מים** קרים מכבים היצר הרע של תאוה (תתקצב):

תלז) **בשעה** שאדם יושב או מהרהר בד"ת או כותב, וחלון לפניו אל יביט בחוזרים או ביציאה א בדבר מאוס (תתקצג):

תלח) **לא** ידבר בבית המרחץ ובבית הכסא לשון עברית ואפילו דברים של חול אע"פ שמותר (תתקצד)

תלט) **מי** שלא הגיע להוראה ומורה נקרא תורתו בעל מום (תתקצה):

תם) **לא** יקח אדם אשה שאחי' רעים. אלא שאחי' טובים וחכמים (תתקצו):

תמא) **אם** צריך לשלוח שאלות לעיר אחת שיש ת"ח ואינם אוהבים זה את זה, לא יכתוב כתב אחד להם ביחד, אלא לכ"א יכתוב כתב לבד, וישאל לזה לבדו ולזה לבדו. שאם אין יראת שמים במקצתם כיון שיראה שחבירו כתב כך יעסוק לסתור ולשבר דברי חבירו לכך יכתוב לכל אחד לבד, ואם יודע שיש מקצת צדיקים ויש כהם שאינם יראי ה' לא ישאל אלא לצדיקים (תתקצז):

תמב) **אם** שאל תלמיד לרבו ואינו יודע להשיב אל ישאל כפניו לחכם כדי שלא יתבייש רבו (תתקצח)

תמג) **אדם** שרגילים בני אדם אצלו אל ישכיר עצמו ללמד תינוקות כי יבואו אצלו ולא יוכל לעסוק בתינוקות בטוב, אל יאמר אדם הואיל ואני מלמד ילדים ביום אשכים ואלמוד לעצמי בבוקר מפני

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

דעמאלט קאן ער אים שוין יא ארויסטרייבען (תתקצ):

תלה) **הרב.** דער רבי בדארף מאכין דעם בית המדרש וואו ער לערינט פון אצווייטע זייט פינים שטוב אום דיא מענטשען וואס געהען צו אים אריין און ארויס. זאלען נישט קוקען אויף זיין ווייב אדער אויף זיין כאלטער, אדער אויף זיין שנוהר. וויל דורך דעם וועט דיא מצוה וואס ער לערינט תורה קומען דורך א עבירה הסתכלות בנשים (תתקצא):

תלו) **מים.** קאלטע וואסער פארלעשין דעם יצר הרע פין תאוה (תתקצב):

תלז) **בשעה.** ווען א מענטש לערינט אדער קלערט תורה, אדער שרייבט תורה, און דער פענסטער איז אפען. זאל ער נישט קיקען אויף חזרים. אדער אומרייניקייט אדער א מיאוסע זאך (התקצג):

תלח) **לא.** א מענטש זאל נישט רעדין העברעאיש אין באד און אין בית הכסא. אפילו גיוועהנטליכע רייד, חאטץ מען מעג ריידין (התקצד):

תלט) **מי.** דער מענטש וואס האט נישט דערגרייכט אז ער זאל פסקינען שאלות און ער פסקינט פארט הייסט זיין תורה אקאליקע (תתקצה):

תם) **לא.** אמענטש זאל נישט נעמען א ווייב וואס איהרע ברידער זענען שלעכטע, נאר ער זאל נעמען א ווייב וואס איהרע ברידער זענען גוטע און קלוגע (תתקצו):

תמא) **אם.** אויב א מענטש בדארף שיקען שאלות אין א שטאדט וואס דארטען איז דא עטליכע תלמידי חכמים. און זיי האבען זיך נישט ליעב, איינער דעם צווייטען, זאל ער נישט שרייבען צו זיי אינאיינעם איין כתב. נאר ער זאל יעדערין באזינדערין שרייבען א כתב. און ער זאל דעם באזונדער פרעגין און דעם בעזונדער פרעגין. דען טאמער איז ביי זיי נישטא אביסיל גאט'ס פארכטיקייט, איז אז איינער פון זיי וועט זעהן אז דער צווייטער האט אזוי געשריבען וועט ער זיך מאטערען אפ ווענדען יענעמס רייד. און וועט שרייבען פארקעהרט, דרום זאל ער שרייבען יעדערין באזונדער. און אויב ער ווייס אז א ביסעל זענען דא ערליכע יודין, און עס איז דא וואס זענען נישט זייער ערליך, זאל ער פרעגין נאר דיא ערליכע (תתקצז):

תמב) **אם.** אז א תלמיד האט עפעס גיפרעגט דעם רבי'ן און ער ווייס נישט וואס אים צו ענטפערין, זאל ער נישט פרעגין אין זיין געגענווארט צו א אנדער חכם, אום עס זאל נישט פערשעהמט ווערין דער רבי (תתקצח)

תמג) **אדם.** א מענטש וואס פיעל מענטשען קומען צו אים זאל ער נישט ווערין קיין מלמד, וויל מענטשין וועלען צו אים קומען. וועט ער דאך נישט קענען גיט לערנען מיט דיא הויזיי

## קיצור ספר החסידים

מפני שנמצא שישן כשצריך ללמד לנערים. אל ילך אדם לבית חבירו או בכל מקום שיש שם מושבו לעשות מלאכה (תתרא):

תמד) **אם** תראה אדם שמרבה דברים וכופל בדברים אל יהא לך עסק עמו שהרי כל היום יטריחך בדברים (תתרג):

תמה) **העוסק** בצרכי צבור כאלו עוסק בד"ת (תתרה):

תמו) **כשאדם** הולך להתפלל אל יגידו לו דבר שמצטער בו או דבר שחוק או דבר שצריך להעמיק בו לפי שלא יוכל להתפלל בכוונה (תתרז):

תמז) **כשאדם** גומר מלאכה גדולה צריכה ברכה (תתרכ):

תמח) **פעמים** בני אדם שונאים זה את זה בחנם, לפי שלאחר ימים יהי׳ ריב ומצה בין זרעם, ולכך למפרע מזלו של זה בשנאה עם זה, וקצת שנאה דבוק בלב האבות, ופעמים אוהבים זה את זה, כי אחר ימים זרעם יתחתנו זה עם זה ומזלם ידע ורוח אהבה דבוקה בלב האבות (תתרכג)

תמט) **אין** לרחם על האכזר לומר אני אפרע בשביל אותו הרמאי (תתרכד):

תנ) **אל** ירחם על מי שאינו מרחם על עצמו ואל ירחם על מי שהוא כפוי טובה (תתרכו):

תנא) **אל** ירחם על צר עין וגזלן (תתרכז):

תנב) **מי** שיכול לעשות מלאכה ולהרויח, ואינו רוצה, אין ליתן לו צדקה (תתרלה):



## טײַערע פֿיהרונג פֿאַר יעדער יוד

קינדער. — א מענטש זאָל נישט זאָגין איך לערין דאָך מיט דיא קינדער בײַטאָג וועל איך אויף שטײַן און וועל פֿאַר-זיך לערנען פֿאַר טאָג, ווײַל אויב ער וועט אויפֿשטײַן פֿאַרטאָג וועט ער שלאָפֿין אין דער צײַט וואָס ער וועט בדאַרפֿין לערנען מיט דיא קינדער. — א מענטש זאָל נישט גײַן צו זײַן חבר אָדער אין אָרט וואו עס איז דאָ א געדונגענער מענטש צו טאָן א מלאכה דען ער איז דאָך אים מבטל פֿין צו טאָן דיא אַרבעט (תתרא):

תמד) **אם.** אויב דוא וועסט זעהן אמענטש וואָס רעדט פֿיעל, און טאָפּילט מיט דיא רײד, זאָלסטו מיט אים נישט האָבען קײן געשעפֿט ווײַל ער וועט דאָך דיר א גאַנצען טאָג באַלעמוצען מיט זײַנע רײד (תתרג):

תמה) **העוסק.** דער מענטש וואָס באַשעפֿטיגט זיך מיט קהל׳שע-זאַכען איז גלײַך וויא ער וואָלט גילערינט (תתרה):

תמו) **כשאדם.** אז א מענטש הײבט אָן דאַווענען זאָל מען אים נישט אָן זאָגין אזאַך וואָס ער וועט דערפֿין האָבען שמערצין, אָדער א גילעכטער-זאַך, אָדער אַזאַך וואָס מען דאַרף זיך אין דעם שטאַרק אַרײַן טאָן, ווײַל דורכדעם וועט ער דאָך נישט קאָנען דאַווענען מיט כוונה (תתרז):

תמז) **כשאדם.** אז א מענטש ענדיגט א גרויסע זאַך בדאַרף ער זאָגין א ברכה (תתרכ):

תמח) **פעמים.** טײל-מאָל האָבען זיך מענטשען פֿײַנד, אײַנער דעם צווײַטען, גאָר אומזיסט, ווײַל אין פֿיעל יאָהר וועט זײַן א קריעג צווישען זײַערע קינדער, דרום איז שוין מיט א צײַט פֿריהער דער מזל פֿין אײַנעם מיט פֿײַנדשאַפֿט צום צווײַטען, און אביסעל פֿײַנדשאַפֿט האָט זיך שוין צו גיקלעפּט בײַ זײַערע עלטערען, און טײל-מאָל האָבען מענטשין, אײַנער דעם צווײַטען, ליעב, ווײַל אין יאָהרען-לאַנג וועלין זײַערע קינדער זיך משדך זײַן, און זײַער מזל זעהט דאָס שוין יעצט פֿאָראוים, דרום איז א ליעבשאַפֿט באַהעפֿט אין דיא הערצער פֿין זײַערע עלטערין (תתרכד):

תמט) **אין.** מען בדאַרף זיך נישט דערבאַרימען אויף א אכזר, דהײַנו מען זאָל נישט זאָגין איך וועל באַצאָהלען פֿאַר דעם שווינדלער (תתרכד):

תנ) **אל.** מען בדאַרף זיך נישט דערבאַרימען אויף א מענטש וואָס ער זעלבסט דערבאַרימט זיך נישט אויף זיך, אויך בדאַרף מען זיך נישט דערבאַרימען אויף א מענטש וואָס איז אכפּוי טובה (תתרכו):

תנא) **אל.** מען זאָל זיך נים דערבאַרימען אויף א קאַרגען וואָס פֿאַרגינט נישט, און אויף א גזלן (תתרכז),

תנב) **מי.** דער מענטש וואָס קאָן אַרבעטין און פֿערדינען אויף לעבענס-מיטעל. און ער וויל נישט, בדאַרף מען אים נישט געבין קײן צדקה (תתרלה):

## קיצור ספר החסידים

תנג) **יותר** נכון ליתן מעות לעניים טובים שאין להם מלבושים מליתן לסופר לכתוב ס"ת (תתרלו):

תנד) **אין** לגדל עופות לנוי ולקלום (תתרלח):

תנה) **מי** שיש לו ממון לא יאמר אעשה ביזהב"נ וביהמ"ד אלא יתן לצדיקים שיעסקו בתורה. מי שקרוביו צדיקים ועניים ואינו נותן להם ונותן לאחרים שאינם כ"כ טובים דומה למשלם למי שאין חייב באחריותם ואינו משלם למי שחייב באחריותם. כי לקריביו הטובים חייב (תתרלט):

תנו) **אם** יש לאדם בת ושני אנשים ממשפחה אחת מבקשים לקחת אותה. אחד עני ואחד עשיר, העני רוצה מעט נדן, והעשיר רוצה הרבה, והוא יכול לבקש מן הקהל לסייעהו, ולקבץ המעות ולהתחתן עם העשיר למען שיהי' בתי עשירה, חלילה לו לקחת מן הקהל ולגזול את הבריות ולהתחתן עם העשיר ומוטב שיתחתן עם העני שמעט יקח ממנו ולא יגזל בני אדם (תתרמג):

תנז) **מי** שיש לו נכסים הרבה, ויש לו בנים ובנות עשירים ועניים יתן לעני יותר מלעשיר, לבני עני יותר מלבני עשיר ולומדי תורה ירבה (תתרמד):

תנח) **אם** אדם בא לעיר שנותנים בה מעט צדקה ואח"כ בא לעיר אחרה שנותנים הרבה לצדקה לא יאמר, הקב"ה יהי' בעוזרכם בעירכם נותנים הרבה ובעיר פלונית נותנים מעט. פן ימעטו מתנתם באותו עיר ג"כ. בד"א להדיוטים אבל לטובים רשאי לומר (תתרמה)

אדם

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

תנג) **יותר.** עס איז גלייכער צו געבען געלט ארימע לייט ערליכע יודין וואס האבען נישט קיין מלבושים, איידער צו געבען דאס געלד א סופר אז ער זאל דערפאר שרייבען א ספר תורה (תתרלו):

תנד) **אין.** מען בדארף נישט האדעוועו קיין עופות אויף א שעהנקייט און לויבונג (תתרלח):

תנה) **מי.** א רייכער מענטש וואס וויל טאן מיט געלד עפעס א מצוה-זאך, זאל ער נישט בויען א שוהל, נאר ער זאל בעסער דאס געלט געבין צדיקים אז זיי זאלען לערנען.—אז א מענטש האט פאמיליאנטען צדיקים און זיי זענען ארימע לייט און ער גיט זיי נישט קיין צדקה, נאר ער גיט פרעמדע ארימע לייט, און זיי זענען נישט זייער ערליך, איז דאס גלייך צו א מענטש וואס בעצאהלט חובות דיא מענטשען וואס ער איז נישט פעראנטווארטליך זיי צו באצאהלין, און ער בעצאלט נישט דיא מענטשען וואס ער איז זיי פעראנטווארטליך צו בעצאהלין, וויל זיינע קרובים דיא ערליכע איז ער מחויב צו געבען (תתרלט):

תנו) **אם.** אויב א מענטש האט א טאכטער, און צוויי מענטשען פין איין משפחה ווילען איהר נעמען איינער איז א ארימאן און איינער איז א רייכער, דער ארימאן וויל ווייניג נדן, און דער רייכער וויל פיעל נדן. און דער מענטש קאן בעטען פין פובליקום אז זיי זאלען אים העלפין, און ער קאן אויף קלייבען דאס נדן-געלד פין בעטען נדבות, און נעמען דעם רייכען פאר א חתן, כדי זיין טאכטער זאל זיין א רייכע, טאר ער אזוי נישט טאן, נעמען פון פובליקום און דערמיט בערויבען דיא מענטשין, און זיך מתחתן זיין מיטן רייכען. דען עס איז גלייכער אז ער זאל זיך מתחתן זיין מיטן ארימאן וואס ער וועט דאך פין אים נעמען ווייניג נדן, אום ער זאל נישט בעדארפען נעמען נדבות און דערמיט בערויבען מענטשען (תתרמג):

תנז) **מי.** אז א מענטש האט א גרויסע רייכטהום און ער האט זיהן און טעכטער וואס זענען רייך און ארים, זאל ער דיא ארימע מעהר געבין. וויא דיא רייכע, דיא קינדער פין דיא ארימע זאל ער געבין מעהר וויא דיא קינדער פין דיא רייכע. אויך דיא קינדער וואס לערנען תורה זאל ער מעהר געבען (תתרמד):

תנח) **אם.** אז א ארימאן איז געקומען אין א שטאדט וואס מען גיט דארט ווייניג צדקה און נאכהער איז ער געקומען אין א אנדער שטאדט וואס מען גיט דארט פיעל צדקה זאל דער ארימאן נישט זאגין „גאט זאל זיין אין אייער הילף, דען אין דער שטאדט גיט מען פיעל צדקה, אבער אין יענער שטאדט גיט מען ווייניג צדקה" וויל טאמער וועלין דיא שטאדט מענטשען דורכדעם אויך פערקלענערין צו געבען צדקה, דאס איז נאר צו פראסטע מענטשין טאר ער נישט דערצעהלין, אבער ערליכע יודען מעג ער דאס ערצעהלין (התרכה):

אדם

# תורת החסידים הראשונים

## קיצור ספר החסידים

תנט) **אדם** שהוא קפדן ואמר לאשתו רעי אם תתן דבר לצדקה אכה אותך, כיון שידע הגבאי שאין רצון הבעל לא יקבל ממנה, ואפילו מתנה מועטת (תתרמז):

תס) **ראובן** שאמר לשמעון קח אלה ותן לעניים, ושמעון יש לו עניים קרובים ויודע שקרובי ראובן עניים וטובים מהם יתן שמעון לקרובי ראובן (התרמט):

תסא) **מי** שיש לו אורחים לא יסגור אותם שלא יוכלו לצאת לעשות צרכיהם. ואם יש נשים ויש אנשים שאינם הגונים יסגור שלא יוכלו לצאת (תתרנב

תסב) **יש** אדם כשנותן צדקה לטובים ירד מנכסיו, לפי שהוא רע בעיני הקב״ה, ואינו רוצה שיהנה צדיק ממנו (תתרנד):

תסג) **מי** שהולך בדרך או למקום סכנה יתן קודם לעני לחם או שום דבר שהנאתו קרובה, אבל אדם שיש לו בושת לקבל מאכל יתנו מעות (תתרנו):

תסד) **הרמיזות** של אדם יהי׳ בצדק, ואף הנענועים בראש יהי׳ אמת, כשאדם רוצה לומר הן כופף ראשו. וכשרוצה לומר לאו מנענע ראשו לצדדין (תתרנח):

תסה) **לא** יאמר אדם לחבירו תשאל לחכם פלוני ויאמר כמו שאני אומר כי שמא לא יאמר כן, וכן שנים שיושבים ובא אחר, לא יאמר האחד הוא ילך מיד אחריך שמא לא ילך. כללו של דבר כל דבר שברשות אחר לעשות לא יתכן לומר פלוני יעשה כן שמא לא יעשה וכתיב מדבר שקר תרחק (תתרם):

כל

## טײַערע פֿירונג פֿאַר יעדער ייד

תנט) **אדם.** א בײזער מענטש וואס האט גיזאגט צו זײַן װײַב, „זײַ װיסען, אויב דיא וועסט עפּעס געבּין אויף צדקה וועל איך דיר שלאגין״. איז אז דער גבאי ווײס דאס אז דעם מאַנ׳ם ווילען איז אז זיא זאל נישט געבען, טאר ער פֿין איר גאר נישט נעמען, אפילו א קלײניגקײט (תתרמז):

תס) **ראובן.** אז ראובן האט גיזאגט צו שמעון׳ן נא דיר דאס, און צוטײל דאס אָרימע לײַט, און שמעון האט פֿאמיליאנטען אָרימע לײַט, און ער ווײס אז עס איז דא ראובן׳ס פֿאמיליאנטען אָרימע לײַט און ערליכע. בדאַרף שמעון געבען דיא פֿאמיליאנטען פֿון ראובן (תתרמט):

תסא) **מי.** אז א מענטש האט געסטע בײַ זיך אין שטוב זאל ער נישט פֿערשליסען דיא טהיר, ווײַל זײ וועלין דאך נישט קאָנען ארויס גײן טוהן דיא מענטשליכע באדערפֿעניש. אבער אויב עס איז דא פֿרויען און מענער וואס זענען נישט קײַן ערליכע מעג ער פֿארשליסען דיא טהיר, אום זײ זאלען נישט קאָנען ארויס גײן (תתרנב):

תסב) **יש.** עס טרעפֿט זיך א מאל אמענטש וואס נאכדעם וויא ער האט גענעבען צדקה ערליכע יודין איז ער גיווארען אָרים, דאס איז ווײַל ער איז זײער שלעכט אין גאט׳ס אויגען, און גאט וויל נישט אז א צדיק זאל פֿין דעם מענטש האבין א הנאה (תתרנד):

תסג) **מי.** אז א מענטש גײט אין א געפֿעהרליכען ארט, זאל ער פֿריהער געבין א אָרימאן א ברויט אָדער א אנדער זאך, וואס מען קאן דערפֿין באלד גענױסען, אבער אז דער אָרימאן וועט זיך, שעמען נעמען עסינווארג זאל ער אים געבען געלד (תתרנו):

תסד) **הרמיזות.** דאס ווינקען פֿין א מענטש בדאַרף זײַן ערליך. אויך דאס שאָקלען פֿון קאפּ בדאַרף זײַן ריכטיג, — אז א מענטש וויל זאגען יוא, בויגט ער אײַן דעם קאפּ [אויף א צײכען אז ער מײנט יוא] און אז ער וויל זאגען נײן, שאקעלט ער דעם קאפּ און דיא זײטען [אויף א צײכען אז ער מײנט נײן] (תתרנח):

תסה) **לא.** א מענטש זאל נישט זאגין זאלסט פֿרעגין יענעם למדן וועט ער זאגין אזויא וויא איך זאג, ווײַל טאמער וועט ער אזוי נישט זאגין, — אזוי אויך אז צווײ מענטשין זיצען, און אײַנער איז צו זײ געקומען זאל אײנער נישט זאגין ער וועט באלד גײן נאך דיר. דען טאמער וועט ער נישט גײן, — איבערהױפּט יעדער זאך וואס עס גיווענט זיך אין ווילען פֿין א צווײטען מענטש, געשיקט זיך נישט אז מען זאל זאגין „אז יענער וועט אזוי טאן״. דען טאמער וועט ער אזוי נישט טאן, און אין דער תורה שטײט דאך פֿין א ליגען זאלסטו זיך דערווײַטערין (תתרם):

כל׳

## קיצור ספר החסידים

תסו) **כל** דבר שאין אדם רוצה להודיע ויודע בדבר, יאמר יודע אני אלא שאיני רוצה להודיע אתכם (תתרסא):

תסז) **אם** תראה בני אדם מתלחשים ואתה חפץ לדעת מה מהלחשים אל תשאל להם פן תעשה אותם שקרנים, שאלו היו חפצים שתדע היו מגידים לך ועתה שאין חפצים שתדע יגידו לך שקר. מי שנושא ונותן באמונה נותנים לו שכר אף על משא ומתן שלא עשה, לפי שאם הי' בידו הי' עושה באמונה, כי בידו לעשות עולה ולא עשה כי לבו לשמים. וכן לדבר מצות אם לעולם עושה מצות תדיר ובלבו לעשות, כאלו במותו עושה (תתרסב):

תסח) **מי** שיש לו מעות של ראובן ושל שמעון להרויח ועשה רע שהאמין ממעות של ראובן לאדם שספק לו אם ישיבם לו, ועתה אותו אדם אומר אם תחפוץ שאפרע לך הכל תלוה לי כך וכך עדיין. והנה אין בידו אלא ממעות של שמעון לא יאמין לו גם ממעות של שמעון כדי להוציא מידו מעות של ראובן. כי שמא גם אלו המעות של שמעון לא ישלם לו, אלא א"כ יודע בבירור שלא יהא הפסד לשמעון (תתרסב):

תסט) **אם** באת להשכיר יהודי למלאכתך, והנה שנים עומדים אחד יכול להתפרנס במלאכה אחרת ואחד אינו יכול כי אינו יודע במלאכה אחרת תשכיר אותו שאינו יודע מלאכה אחרת (תתרסה).

תע) **אם** תשכור סופר לכתוב לך תתנה עמו שלא תהי' בבל תלין פעולת שכיר, שמא כשיתבע לך לא יהי' לך ליתן לו. אע"פ שתעשה תנאי עמו תתן לו כשיתבע אם תוכל, ואין בזה מתנה על

## טײַטשע פירהונג פאר יעדער יוד

תסו) **כל.** יעדער זאך וואס א מענטש ווײס דאס, נאר ער וויל דאס נישט אויסזאגין, זאל ער זאגין, „איך ווײס דאס, נאר איך וויל אײך דאס נישט אויסזאגין" (תתרסא):

תסז) **אם.** אויב דוא ועסט זעהן מענטשין וואס רײדין בעהאלטענערהײד און שטילערהײד, און דיא ווילסט וויסען ווע׳ס זײ רײדין, זאלסטו זײ נישט פרעגין וואס רײדין זײ, ווײל טאמער ווע סט׳ זײ מאכין פאר ליגנער [זײ וועלין דיר ענטפערין א ליגען] דען אז זײ וואלטין גיוואלט אז דוא זאלסט וויסען וואס זײ רײדען וואלטען זײ דאך דיר דערצעהלט, און יעצט אז זײ ווילען נישט אז דיא זאלסט וויסען, איז אז דיא וועסט זײ פרעגען וועלען זײ דיר דאך ענטפערין א ליגען. — דער מענטש וואס האנדעלט ערליך, גיט מען אים לוין אפילו אויף דיא גישעפטען וואס ער האט נישט גיהאנדילט דען אז ער וואלט גיהאט דיא געשעפטין וואלט ער דאך זיי אויך גיהאנדילט ערליך. ווײל ער האט דאך גיקענט טאן אומרעכט, נאר ער האט נישט גיוואלט טאן, ווײל זײן הארץ איז צום הימעל. — אזויא איז אויך בײ מצות, אויב א מענטש טהוט שטענדיג מצות, און ער טראכט אין הארצען אז שטענדיג וועט ער טאן מצוות, און ער גיוואהנט זײנע קינדער וואס פאלגען אים צו טאן מצוות, איז גלײך אזוי וויא ער וואלט גיטאן מצוות נאכ׳ן טויט (תתרסב):

תסח) **מי.** דער מענטש וואס האט געלד פין ראובן און פון שמעון, אום צו פערדינען מיט זײ, און ער האט גיטאן א שלעכטקײט. ער האט ראובן׳ס געלד גיגלויבט א מענטש וואס עס איז אים א צווײפעל אויב ער וועט זײ אים צוריק געבען, און יעצט זאגט יענער מענטש, אויב דיא ווילסט אז איך זאל דיר אלץ בעצאהלען, זאלסטו מיר באָרגין נאך געלד. און דער מענטש האט נאר שמעון׳ס געלד, זאל ער אים נישט גלויבען, און נישט באָרגען אויך שמעון׳ס געלד, אום ער זאל דערמיט אדויסראטעווען ראובן׳ס געלד, דען טאמער וועט ער אים נישט באצאהלען אויך שמעון׳ס געלד. נאר ער מעג אים באָרגין סײדין אז ער ווײס געוויס אז שמעון וועט דערפין נישט האבין קײן שאדין (תתרסד):

תסט) **אם.** אויב דוא בדאַרפסט דינגען א יוד אויף צו טאן דײן ארבײט, און עס שטעהען פאר דיר צווײ ארבײטער, אײנער קאן זיך ערנעהרען פין א אנדער ארבײט, און דער צווײטער קאן זיך נישט ערנעהרען פין א אנדער ארבײט, ווײל ער ווײס נישט קײן אנדער ארבײט, זאלסטו דינגען דעם מענטש וואס ווײס נישט קײן אנדער ארבײט (תתרסה):

תע) **אם.** אויב דוא דינגסט א סופר אז ער זאל דיר שרײבען א ספר זאלסטו מיט אים פריהער אויס רײדין אז דיא זאלסט נישט עובר זײן אויף׳ן לאו פין לא תלין פעולת שכיר [זאלסט נישט לאזין איבערנעכטיגען דאס גיהאלט פין דעם געדונגענעם מענטש וואס דיא האסט געדונגען] ווײל טאמער וועט

## קיצור ספר *החסידים

על מה שכתוב בתורה (תתרסו):

תעא) **אם** אדם חייב לחבירו מעות ושניהם שכחו אם פרע לו ואינו קוראו לדיין אם ירצה לצאת ידי
שמים יפרע לו. ואם גם אותו טוב וצדיק והוא לא יקבל. אז אותו שהי׳ דייב ושכח יתן כל
החוב בלא תנאי לידו ויאמר לו אם אני חייב לך יהא שלך. ואותו חבירו יאמר אני תם שלי אני
מוחלם לך, וימחלו זה לזה, ויתלקו, או שיקנה בהמעות ספרים וישאילו למי שצריך ללמוד בהם
(תתרסז):

תעב) **לא** יאמר אדם לחבירו מכור לי יין שלשה הינין בפרוטרוט מעט מעט אם תתן לי בזול ונותן
לו בזול וכשיקח חצי הין לא יאמר איני רוצה יותר. לפי שזה יכול לומר בשביל שנשענתי
על דבריך שתקח הרבה מכרתי לך בזול (תתרסח):

תעג) **כשם** שאסור לעמוד על המקח בשעה שאין לו דמים. כך אסור להראות שרוצה למכור חפצו
בשעה שאינו רוצה למוכרו. אלא יאמר כמה שוה זה (תתרסט):

תעד) **מי** שיש בידו פקדון משל אחרים כל תקנות שיוכל לעשות לתקנות אותה שהפקידו לידו יעשה
(תתרעא):

תעה) **אם** יכול אדם להתפרנס במה שיש בידו אל יהי׳ יגע להעשיר לקחת משל אחרים. כי רוב בני
אדם

## טייערע פירהונג פאר יעדער יוד

וועט ער דיר מאכען דעם לוין און דוא וועסט נישט האבען קיין געלד איהם צו געבען [וועסטו נישט
עובר זיין אויפ׳ן לאו] און האטץ דוא האסט מיט איהם פריהער אויס גירעדט דעם תנאי פינדעסטוועגין
זאלסטו איהם באצאהלען אין דער צייט אויב ער וועט דיר מאנען און דיא וועסט קענען איהם באצאהלען,
און דאס וואס דוא רעדסט אויס מיט׳ן בעל מלאכה אז דוא ביסט איהם נישט מחויב צו געבען דעם לוין
אין דער צייט וואס ער וועט ענדיגען, הייסט דאס נישט אז ער רעדט אויס דערויף וואס עס שטייט
אין דער תורה (תתרסו):

תעא) **אם**. אויב א מענטש איז עמיצען שולדיג געלד, און ביידע האבען פארגעסען אויב ער האט
איהם באצאהלט, און ער רופט איהם נישט צו א דיין, אום צו מאנען ביי איהם דעם חוב. איז
אויב ער וויל יוצא זיין פאר׳ן הימעל, זאל ער איהם באצאהלען, און אויב דער צווייטער איז א ערלי-
כער יוד און ער וויל נישט נעמען דאס געלד, דען טאמער האט ער איהם שוין באצאהלט זאל דער
מענטש וואס איז שולדיג און האט פארגעסען, געבען דעם גאנצען חוב אן א תנאי צו איהם אין
האנד, און זאל איהם זאגין, אויב איך בין דיר טאקע שולדיג זאל דאס געלד זיין דיינע. און דער
צווייטער זאל זאגין אויב דאס איז מיין געלד בין איך דיר דאס מוחל, און איינער דעם צווייטין זאלין זיך
מוחל זיין דאס געלד. און זיי זאלין דאס צווישען זיך צו טיילען. אדער זיי זאלין פאר דאס געלד קויפין
ספרים און זיי זאלין בארגין יעדערין וואס וויל לערנען אין זיי (תתרסז):

תעב) **לא**. א מענטש זאל נישט זאגין צו זיין חבר, פערקויף מיר דריי עמער וויין, און זאג מיר דעם
ביליגסטען פרייז פון יעדער עמער באזונדער, און ער האט איהם טאקי פארקויפט ביליג. און
נאכדעם וויא ער נעמט א האלבען עמער זאל ער נישט זאגין „איך וויל נישט נעמען מעהר״, ווייל דער
פארקייפער קאן זאגין „ווייל איך האב זיך פערלאזט אויף דיינע רייד אז דיא וועסט ביי מיר קויפען
פיעל. דרום האב איך דיר פערקויפט ביליג״ (תתרסח):

תעג) **כשם**. אזויא וויא מען טאר זיך נישט דינגען אויף א זאך אין דער צייט וואס מען האלט נישט
קויפען דיא זאך, אזוי אויך טאר מען נישט ווייזען א זאך און זאגין אז ער וויל דאס פער-
קויפען ווען ער האלט דאס גאר נישט ביים פערקויפען. גאר אויב ער וויל וויסען דיא ווערט פון
דער זאך, זאל ער פרעגין וויפיל איז דאס ווערט (תתרסט):

תעד) **מי**. אז א מענטש האט עמיצענ׳ס א פקדון זאל ער טאן אלע פאריכטונגען וואס ער קאן טאן
צוליעב דיא זאך וואס מען האט איהם גיגעבען באהאלטען (תתרעא):

תעה) **אם**. אויב א מענטש קאן זיך ערנעהרען דערפין וואס ער פערמאגט. זאל ער זיך נישט באמיע-
רען רייך ווערען און נעמען פין פרעמדע. ווען דאס רוב מענטשען וואס נעמען פון מענטשין
באגליקען

## קיצור. ספר החסידים

אדם הלוקחים מבנ"א לא יצליחו, כי יש עשיר שהנוטל פרוטה ממנו אינו רואה סימן ברכה (תתרעב):

תעו) **אל** יעשה אדם עולה אפילו לעכו"ם. אם השכיר אדם אחד לעשות מלאכתו או ללמד לבניו או
שאר דברים לא יטריחנו יותר מדאי או ממה שהתנה עמו להכריחו, וכן אין להתנות עם
אדם יותר על ... שיכול לעשות אם אתה יודע שאינו יכול לעשות, כי אלו דברים מורידים את האדם
ואין הצלחה בנכסיו (תת־עד):

תעז) **אדם** שהוא עצרן ומקפיד שלא ירויחו עליו ושלא לוותר בלום משלו, לא יצליחו כל אותם שיש
בידם ממונו. וכל אדם שיש בידו ממונו ימות או יעני, אבל מי שהוא וותרן בממונו אצל
אחרים שנהנים ממנו. והוא שמח ומלוה לאחרים ואינו עצרן אצל אחדים שנהנים ממנו ומקבל אורחים
בסבר פנים יפות כל אותם שיבא לידם ממונו יצליחו (תתרעה):

תעח) **המלוה** בריבית או העושה עולה במשקל במדה ובמשורה ובסחורות ובכל מיני עולה לבסוף ירד
מנכסיהם ובניהם יתפרדו זה מזה בארץ נכרי' ונצרכים לבריות, וגם כל שיהו' חביריהם
וכל הנולה אליהם יכלה ממונם וכל שיהי' מסייע להם (תתרעו):

תעט) **יש** עושה עולה ומצליח, אבל כשלא יעשה עולה לא מצליח אלא יפסיד, כדי שלא ישוב בתשובה
בשביל לטרדו מן העולם. כי המרבה לעשות עולה לא יספיקו בידו לעשות תשובה (תתרעז):

תפ) **יש** גזלן או גנב שגונב וגוזל ואח"כ לא הצליח אלא לוחצים אותם עד שהשיבו בע"כ. א"כ למה
נתגלגל

## שײַערע פירונג פאר יעדער יוד

באגליקען נישט. דען עס איז דא אמאל א רײַכער מאן וואס אז מען נעמט פון אים א פרוטה האט
מען נישט קײן גליק (תתרעב):

תעו) **אל.** א מענטש זאל נישט טאן קײן עולה אפילו צו א עכו"ם. — אז א מענטש האט עמיצען
גידונגען אז ער זאל אים טאן א ארבײַט, אדער ער זאל לערנען זײַנע קינדער, אדער
אאנדער ארבײַט, זאל ער אים צופיעל נישט באמיהען, אדער הײַסען אים טאן מעהר וויא ער האט
מיט אים אויסגירעדט צו טאן. אזוי אויך טאר מען נישט אויסרײַדען בשעת מען דינגט א מענטש אז
ער זאל טאן א ארבײַט מעהר וויפיל ער קאן טאן. אויב ער ווײַס אז ער קאן דאס נישט טאן. ווײַל
דיא זאכען נידריגען אראפ דעם מענטש און ער האט נישט קײן גליק (תתרעד):

תעז) **אדם.** א מענטש וואס איז א קארגער און איז פארזיכטיג אז מען זאל פון אים נישט פארדינען
און פון זײַנס פערלוסט ער גאר נישט, ווערן נישט באגליקען אלע מענטשען וואס האָ-
בין זײַן געלד, און אלע מענטשין וואס האבין זײַן געלד ווערין שטארבען אדער ארים ווערין. אבער
דער מענטש וואס איז א פערלוסטער מיט זײַן געלד, וואס אנדערע מענטשין האבין פיז אים הנאה,
און ער פרעהט זיך דערפין, און בארגט געלד אנדערע מענטשין און איז נישט קײן קארגער, און נעמט
צו געסט מיט אנגענעמהײַט, איז אלע מענטשין וואס האבין פון זײַן געלד ווערין באגליקען (תתרעה):

תעח) **המלוה.** דער מענטש וואס בארגט געלד אויף פראצענט אדער ער טהוט א פאלשקײַט מיט
דער וואג, אדער מיט דער מאס, אדער אין סחורה, אדער אנדערע סארטין אומרעכט-
קײַט, איז וועט דיא ענדע זײַן אז זײ ווערין ארים ווערין און זײַערע קינדער ווערין זיך אײַנער פון
צווײַטען צו שפרײַטען אין א פרעמד לאנד, און זײ ווערין בדארפין אן קומען צו פרעמדע מענטשין.
און אזויא וועט זײַן מיט זײַערע קאלעגעס און מיט אלע מענטשין וואס ווערין זיך צו זײ באהעפטין
און אלע מענטשין וואס העלפין זײ, ווערין קאליע מאכין דאס געלד (תתרעו):

תעט) **יש.** עס טרעפט זיך אמאל א מענטש טהוט א אומרעכט און באגליקט, און אז ער וועט נישט
טאן דאס אומרעכט וועט ער נישט באגליקען, נאר ער וועט נאך האבין שאדין, אום ער זאל
נישט טאן תשובה. כדי מען זאל אים פארטיליגען פון דער וועלט, ווײַל דער מענטש וואס מעהרט צו
טאן אומרעכט לאזט מען אים נישט צו טאן תשובה (תתרעז):

תפ) **יש.** עס טרעפט זיך א מאל א גזלן אדער א גנב וואס ער גנב'ט און גזל'ט און דערנאך באגליקט
ער נישט. נאר מען נײַט אים ביז ער גיט דאס צוריק מיט גיוואלד, נאר צו וואס דען האט
זיך אזויא גימאכט אז דער בארויבטער זאל בארויבט ווערין? דאס איז ווײַל דער בארויבטער האט
גיטאן עפעס א זינד. און ער איז גיוועזן מחויב צו פערלירען דאס געלד און בארויבט צו ווערין. נאר
נאך

## קיצור ספר החסידים

נתגלגל שנגזל הגזל. אלא איזה עון עש״ה הנגזל והי׳ מחויב לאבד ונגזל, ואח״כ כשנגזל נכנע לבו עד שעב בתשובה והתפלל עד שזכה שהחזיר לו הקב״ה הגניבה או האבידה, ועוד כדי שיתפרסם מי הגוזל כדי שלא יחשדו הכשרים (תתרעט):

תפא) **אלו** הם שהם יותר מגזל ואינם גזל. העשיר שאומר לעני הלוה לי והעשיר מלוה אותם מעות ומרויח לעצמו בהם מה שיהי׳ לעני להרויח בהם זה גוזל לו. וכן עשיר שהי׳ לו בתיבתו כמה ליטרא ואומר בלבו לא אפגום מנין מעותי ולוה מן העני, והיודע שמותר שום דבר מאכל, או חפצים להטריף בהמה והוא יודע בבירור שהיא כשר ואם הי׳ מגיד להם ראיותיו הי׳ מקובלים, ושותק, או גורם בשתיקתו הפסד לחבירו. אל יהי משל אחרים בידך בריוח שלך כי כמו שאתה מרויח כן הי׳ מרויח הוא. נמצא שגזלת לו כל אותו הריוח, אעפ״י שאמר לו תמתין כי הוא סבר כשיהי׳ לך תפרע לו, אם אין לאדם אלא מעט טוב לו שיצטרך לבריות ממה שיקח ממון עכו״ם ויברח עם הממון ויתחלל שם שמים על ידו שיאמרו העכו״ם על היהודים גנבים ורמאים (תתרפ):

תפב) **המגיד** על אדם דברים בשעה שמתקוטט עמו מה שלא אמר קודם לכן אל תאמן לו (תתרפג):

תפג) **אם** תשמע שמעון אומר טובות על ראובן חקור שמא נהנה ממנו שכל מי שתשמע שהנהנת משבח את המהנהו אל תאמן בו (תתרפד):



## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

נאך דעם וויא ער איז באריבט געווארען איז זיין הארץ געווארין אונטערטעניג ביז ער האט געטאן תשובה און האט געבעטין גאט. ביז ער האט זוכה געוועזן אז מען האט אים צוריק געגעבען די גניבה אדער אבידה, אדער דער גולן האט דאס צוריק געגעבען אום מען זאל וויסען ווער עם האט גיגולט כדי מען זאל נישט חושד זיין ערליכע לייט (תתרעט):

תפא) **אלו**, דיא זאכען זענען הארבער פין גזל, און זיי זענען נישט קיין גזל. אז א רייכער מענטש זאגט צו א ארימאן, בארג מיר געלד. און דער רייכער פאר בארגט דאס געלד און פער־דיענט דער מיט פאר זיך. וואס דער ארימאן האט דאס זעלבסט גיקענט פארדינען. בארויבט ער דאך אים דערמיט. — אזוי אויך אז א רייכער מאן האט ביי זיך אין קאסטין וואג. און ער טראכט זיך איך וועל נישט ניצען מיינע, אום זיי זאלין נישט קאליע ווערען וועל איך האבין שאדין, און ער בארגט דיא וואג פין א ארימאן. — אויך אז עמיצער ווייס אז יענעמס עסענווארג מעג מען עסען, אדער מען וויל טרף מאכין א בהמה. און ער הייס קלאר אז דיא בהמה איז כשר, און אויב ער וואלט גיזאגט זיינע ראיות וואלט מען זיי אנגענומען און מען וואלט געשווינגען, און עס וואלט דאך געבליבען אז עס איז כשר, איז דאך דערמיט וואס ער שווייגט איז ער זיי גורם א שאדין. — עס זאל ביי דיר נישט זיין קיין פרעמד געלד אויף דיין פערדיענסט ווייל אזוי וויא דוא פערדינסט דערפין וואלט דאך יענער אויך גיקענט פערדינען קומט דאך אוים אז דיא בארויבסט יענעם זיין גאנצין פערדינסט, חאטש ער האט יענעם גיבעטין אז ער זאל אים ווארטין, טאר ער אויך נישט אויף האלטין דאס געלד, דען יענער האט גימיינט אז דיא וועסט האבין דאס געלד און אים צוריק געבען, אבער נישט דיא זאלסט דאס פארבארגען און פערדינען. — אויב א מענטש פארמאגט נאר א ביסעל געלד איז גלייכער אז ער זאל בעטין נדבות פין לייטען, איידער ער זאל בארגין געלד פון א עכו״ם, און זאל דערמיט אנט־לויפען, וועט דאך דורכדעם זיין א חילול השם, ווייל דיא עכו״ם וועלין זאגין אויף דיא יודען אז זיי זענען גנבים און שווינדלער (תתרפ):

תפב) **המגיד**. אז א מענטש קריגט זיך מיט א צווייטען מענטש און ער זאגט דאמאלס אויף יענעמס אזוינע רייד וואס ער האט אויף אים פריהער אזעלכעס נישט גיזאגט, זאלסטו אים נישט גלויבען. (דען עס קאן זיין אז ער זאגט א ליגען ווייל ער קריגט זיך מיט אים) (תתרפג):

תפג) **אם**. אויב דיא הערסט אז שמעון זאגט גיט'ס אויף ראובן'ן, זאלסטו גיט פארשטיין. טאמער האט שמעון פין ראובן'ן הנאה גיהאט, דרום זאגט ער אויף אים דיא גוטסקייט. ווייל שטענדיג ווען דוא וועסט הערין אז א מענטש וואס האט פין עמיצען הנאה גיהאט לויבט יענעם מענטש, זאלסטו אים נישט גלויבען (תתרפד):

## קיצור ספר החסידים

תפד) **אם** תראה אדם שנזהר ממך שלא תמצא עליו מום ופגם אם צריך לך אל תאמן בו (תתרפה):

תפה) **אם** עכו"ם שואל עם איזה סוחר טוב לסחור שלא ירמה אותו. מותר לומר לו פלוני אינו נאמן (תתרפו):

תפו) **אם** רואה אדם שמפקידים ביד אביו או אמו או רבו והוא מכירם שלא יעשו נאמנות, אם המפקיד חכם והגון יאמר לו שלא יתן בידם ויגלה לו האמת. ואם המפקיד אינו חכם והגון לגלות לו לא יאמר לא תתן בידם. ואל יאמר על אביו ועל אמו ועל רבו רשע הוא אלא לטובים יאמר האמת (תתרפז):

תפז) **יהא** כל אדם בעיניך בלסטים לשמור ממנו. ומה שאמרו חכמים החושד בכשרים לוקה זה מי שחושד בפה אבל לשמור ממנו ישמור (תתרפח):

תפח) **אל** יגרום אדם עצמו להיות כפוי טובה כגון שלא יאמר ראובן לשמעון הלוה לי וראובן נאמן לשמעון ושמעון אינו נאמן לראובן. ואם ילוה לו אח"כ יאמר שמעון לראובן כמו כן תלוה לי וראובן לפי שאינו מאמינו לא ילוה לו ויאמר שמעון ראו שהוא כפוי טובה בנגדי (שם):

תפט) **אל** יבייש את חבירו אפילו בדבר שהוא לא הי' מתבייש (תתרפט):

תצ) **לא** יאמר אדם בשבועתו כך אזכה לעוה"ב אם לא כן הוא (תתרצא):

תצא) **לא** יאמר אדם לחבירו עשה בשביל אלקים, והוא יודע שבלא זה רוצה לעשות. או אם סבור שלא

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

תפד) **אם.** אויב דוא ווערסט זעהן א מענטש וואס פילעוועט זיך פאר דיר אז דוא זאלסט אויף אים נישט געפינען קיין פעהלער און שולד, איז אויב ער בדארף צו דיר אן קומען זאלסטו אין אים נישט גלויבען (תתרפה):

תפה) **אם.** אויב א עכו"ם פרעגט א יוד מיט וועלכען סוחר איז גיט צו האנדלען. אום ער זאל אים, נישט אפ נארען. מעג מען אים זאגען אז יענער מענטש איז נישט קיין ערליכער סוחר (תתרפו):

תפו) **אם.** אז א מענטש זעהט אז מען גיט עפעס צו באהאלטין זיין פאטער אדער מוטער און רבי און ער קאן זיי אז זיי וועלין נישט טאן ערליך. איז אויב דער מענטש וואס גיט צו באהאלטען איז א למדן און א ערליכער זאל ער אים זאגין אז ער זאל זיי נישט געבען צו בעהאלטען, זיין ער זאל אויסזאגין דעם אמת. אבער אויב דער מענטש וואס וויל געבין בעהאלטען איז נישט קיין למדן און א ערליכער זאל ער אים נישט זאגין דוא זאלסט זיי נישט געבין צו בעהאלטען.—א מענטש זאל נישט זאגין אויף זיין פאטער און מוטער און רבי אז זיי זענען א רשע. נאר ערליכע יודין מעג ער דאס זאגין (תתרפז):

תפז) **יהא.** יעדער מענטש זאל זיין אין דיינע אויגען אזוי וויא גזלנים, אום דוא זאלסט זיך פין אים היטין. און דאס וואס אונזערע חכמים האבין גיזאגט "דער מענטש וואס איז חושד ערליכע מענטשין. קומט אים צו שלאגען מלקות". דאס איז נאר דער מענטש וואס זאגט מיט'ן מויל אז ער איז יענעם חושד. אבער היטין זיך פין יענעם מעג ער (תתרפח):

תפח) **אל.** א מענטש זאל נישט זיין קיין גורם אז ער זאל זיין א כפוי טובה. דהיינו ראובן זאל נישט זאגין צו שמעון'ן בארג מיר געלד, און ראובן איז ביי שמעון א בעגלייבטער, און שמעון איז נישט קיין באגלייבטער ביי ראובן'ן. איז אויב שמעון וועט אים בארגין וועט דער נאך שמעון זאגין צו ראובן'ן בארג דוא מיר אויך, און ראובן וויל ער גלויבט נישט שמעון'ן וועט ער אים נישט בארגען וועט דאך שמעון זאגען זעהט'ס! ראובן איז דאך אנטקעגין מיר א כפוי טובה (שם):

תפט) **אל.** א מענטש זאל נישט פארשעהמען זיין חבר אפילו מיט אזאך וואס ער זעלבסט וואלט דערפין נישט גיווארען פארשעמט (תתרפט):

תצ) **לא.** א מענטש אז ער שווערט זאל ער נישט זאגין "איך זאל אזוי זוכה זיין צו עולם הבא אויב עס איז נישט אזוי" (תתרצא):

תצא) **לא.** א מענטש זאל נישט זאגין צו זיין חבר. זאלסט דאס טאן צוליעב גאט און ער ווייס אז אן זיינע רייד וואלט ער דאס אויך גיטאן. — אדער אז ער ווייס אז ער וועט דאס נישט טאן זאל

## קיצור ספר החסידים

### שלא יעשה לא יבקש בשביל ה' (תתרצג):

תצב) **אם** שמעת שאדם הוכיר ה'. כגון שרוצה לומר ה' עשה לי כך וכך וכיוצא בו אל תכנס בתוך
דבריו כשהזכיר את ה', שהרי ישתוק לשמוע דבריך. נמצא שאתה גורם לו שמוציא שם
שמים לבטלה כשאמר ה', אבל אם הזכיר את ה' כדי לקלל או תפסיק דבריו כי יחטא כשמקלל (תתרצד)

תצג) **הנודר** ומתירו דומה באדם שמשליך א"ע בצואה. ואח"כ רוחצים אותו. שיותר טוב שלא
לנדור כלל (תתרצה):

תצד) **מי** שאומר שלא אוכל היום הוא בארור אשר לא יקים (תתרצו):

תצה) **תענית** שהצבור מתענין אין יכולים ללותו (תתרצז):

תצו) **לא** יאמר אדם פלוני עבר על התקנה ומצליח. ואותן החרדים על התקנה הן יורדים מנכסיהם.
כי לבסוף ירדו המצליחים, וכדי להפרע מהן אף על ההצלחה (תתרצח):

תצז) **לא** יקרא את בנו אחר מי שמת בנידוי או בחרם (תתשב):

תצח) **שנים** שהם עומדים לפניך למשפט אם אינך מכירם אל הביט בהם שכל זמן שלא נפסק הדין
אסור לראותם שהם כרשעים שעומדים לפניך (תתשד):

תצט) **אם** יאמר לך אדם דבר סתר אני יודע, תן לי אמונתך או השבע לי שלא תגלהו, אל תעשה.
ואל תהי להוט אחר סתרים וחידושים. כי אלה מסירין לב האדם מן התורה (תתשו):

## טייערע פירהרונג פאר יעדער יוד

### זאל ער אים אויך ניכשט זאגין טוה דאס צוליעב גאט (תתרצג):

תצב) **אם**. אויב דוא האסט גיהערט אז א מענטש האט דערמאהנט „גאט" דהיינו אז ער וויל זאגין,
גאט האט מיר אזוי און אזוי גיטאן און דעסטגלייכען. זאלסטו אים נישט איבערהאקין דיא
רייד ווען ער האט דערמאהנט דעם נאמען פון גאט. ווייל ער ווערט דאך שווייגען אום צו הערין דיינע
רייד, קומט דאך אוים אז דיא ביסט אים גורם אז ער זאל אומזיסט זאגין דעם הימעלשען נאמען. —
אבער אויב ער דערמאהנט גאט. אויף עמיצען צו שעלטין. דעמאלט זאלסטו אים איבערשלאגין דיא
רייד, וויל ער וועט דאך זינדיגען אז ער וועט שעלטין (תתרצד):

תצג) **הנודר**. אז א מענטש טהוט א נדר און ער איז אים מתיר, איז דאס גלייך אזוי וויא א מענטש
ווארפט זיך אריין אין אומריינקייט, און דער נאך וואשט מען אים ארום, דען עס איז דאך
גלייבער אז ער זאל גאר נישט טאן קיין נדר (תתרצה):

תצד) **מי**. דער מענטש וואס זאגט „איך וועל היינט נישט עסען" איז ער פערפלוכטעט מיט דעם פסוק
„פערפלוכטען זאל ווערין דער מענטש וואס וועט נישט מקיים זיין" (תתרצו):

תצה) **תענית**. א תענית וואס דאס פובליקום פאסט קאן מען אים נישט בארגען. [זאגין איך וועל
פאסטען א אנדער טאג] (תתרצז):

תצו) **לא**. א מענטש זאל נישט זאגין. יענער מענטש האט עובר גיוועזן אויף א תקנה, און פון דעסט-
וועגין באגליקט ער. און דיא פרומע יודען וואס פאלגין דיא תקנה זיי ווערין נעבאך ארים,
וויל צום ענדע ווערין דיא מענטשין וואס באגליקען יעצט אויך ווערין ארים. און זיי באגליקען יעצט
אום מען זאל זיי שטראפין אויך אויף זייער גליק (תתרצח):

תצז) **לא**. א מענטש זאל נישט רופען דעם נאמען פין זיין זוהן נאך א נאמען פון א מענטש וואס איז
גישטארבען אין גידוי אדער אין חרם (תתשב):

תצח) **שנים**. אז צוויי מענטשען שטעהען פאר דיר אויף א דין תורה, איז אויב דוא קאנבט זיי נישט
זאלסטו אויף זיי נישט קוקען, וויל כל זמן אז דוא האסט נישט גיפסקינט דעם דין. טארסטו,
זיי נישט זעהן, וויל זיי זענען אזוי וויא רשעים וואס שטעהען פאר דיר (תתשד):

תצט) **אם**. אויב א מענטש וועט צו דיר זאגען איך וויים א פארבארגענע זאך, זאג מיר דיין עהרען-
ווארט. אדער שווער זיך, אז דוא וועסט דאס נישט אוים זאגין, זאלסטו דאס נישט טאן,
און זאלסט זיך נישט יאגען וויסען בּאהאלטענע זאכען און נייעס'ן, וויל דאס טהוט אפ דאס הארץ
פי'ם מענטש פון תורה (תתשו):

## קיצור ספר החסידים

תק) **אדם** שיעץ לאחרים ונכשלו באותו עצה אעפ״י שלשם שמים נתכוון יום יאמרו לפי ששמענו
לעצתך נכשלנו אל ימחה, ויצטער. כדי שיתכפר לו קצת שעל ידו בא להם (תתשח):

תקא) **מה** שהקב״ה נותן לאחד מה שהי׳ די לאלף להתפרנס, להודיעך איך יהי׳ לצדיקים לע״ל, שהרי
לרשע יתן יותר ממה שצריך כ״ש לצדיקים (תתשט):

תקב) **צדיק** אומר מעט ועושה הרבה. אבל לא יאמר לא אתן לך אלא מעט ואר״כ נתן הרבה לפי
שמשקר (תתשיב):

תקג) **סכין** שהרגו בו אדם על קידוש השם אסור להנות בו (תתשיג):

תקד) **אסור** לרדוף אחר קמיעות לחן ולהתעשר כ״א יבטח בה׳ הטוב (תתשיד):

תקה) **אם** אדם לוקח לו אשה שאינה הוגנת או הוא אינו הגון או שניהם אינם מהוגנים או ניבול פה
ביניהם, או נשים יושבות בין האנשים שהר הורים שם לא יתכן לברך שהשמחה במעונו
(התשכ):

תקו) **אסור** להסתכל בפני אדם בשעה שכועס וקשה לשכחה שמשכח תלמודו, וגם פני הנידה בשעה
שדמים מצויין בה (תתשכו):

תקז) **לא** ישתה יין בשבת עד שישתכר שמא ישכח שהוא שבת ויעשה מלאכה (תתשכח):

תקח) **הצדיקים** במיתתם נקראים חיים, ואם באים לביתם ועושין קידוש פוטרים את ב״ב בקידוש
היום כמו רבינו הקדוש. ולא כשאר מתים שהם חפשים וכו׳ (תתשכט):

אדם

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

תק) **אדם**. אז א מענטש האט גיגעבין א עצה, און דורך דער עצה איז מען גישטרויכעלט געווארין
חאטש ער האט אין זינען געהאט ערליך, איז אויב מען וועט אים זאגין דערפאר וואס
מיר האבין גיפאלגט דיין עצה זענען מיר גישטרויכעלט געווארין, זאל ער נישט אפ ענטפערין, און
אל דערפין האבין שמערצען, כדי עס זאל אים אביסעל פארגעבען ווערין דיא זינד, ווייל דאך טאקי
דורך זיין עצה זענ ען זיי גישטרויכעלט גיווארען (תתשח):

תקא) **מה**. דאס וואס דער איבערשטער גיט איין מענטש וואס עס וואלט גיוועין גענוג פאר טויזענד
מענטשין האבען דערפין פרנסה, דאס איז צו מאכין וויסען, וויפיל לוין עס וועלין
באקומען צדיקים אויף יענער וועלט. ווייל דוא זעהסט דאך אז א רשע גיט מען מעהר וויפיל ער
בהארף, א כל שכן צדיקים וועט מען אוודאי געבען זעהר פיעל (תתשט):

תקב) **צדיק**. א צדיק זאגט ווינציג און טהוט פיעל, ער זאל אבער נישט זאגין איך וועל דיר געבין
ווינציג, און דער נאך זאל ער אים געבין פיעל, ווייל עס קומט דאך אויס אז ער זאגט
פריהער א ליגען (תתשיב):

תקג) **סכין**. א מעסער וואס מען האט דערמיט גיהרג׳ט א מענטש אויף קידוש השם, טאר מען פין
אים נישט האבין קיין הנאה (תתשיג):

תקד) **אסור**. מען טאר נישט זיך נאך יאגען און נעמען קמיעות אויף חן אדער רייך ווערין, נאר מען
בדארף זיך פארזיכערען אן גיטען גאט (תתשיד):

תקה) **אם**. אויב א מענטש נעמט א ווייב וואס זיא איז נישט קיין ערליכע, אדער ער איז נישט קיין
ערליכער אדער ביידע זענען נישט קיין ערליכע, אדער דארטען אויף דער חתונה רעדט
מען נבול פה, אדער ווייבער זיצען צווישען מאנסלייט, וואס דארטין איז דא שלעכטע טראכטונג, בדארף
מען נישט זאגין דיא ברכה שהשמחה במעונו (תתשכ):

תקו) **אסור**. מען טאר נישט קוקען אין געזיכט פין מענטש ווען ער איז אין כעס, און דאס מאכט
פארגעסין דאס לערנען, אויך טאר מען נישט קוקען אין געזיכט פון א נדה ווען עס טרעפט זיך
ביי איהר בלוט (תתשכו):

תקז) **לא**. א מענטש זאל נישט טרונקען פיעל וויין אום שבת, ביז ער וועט זיך אן שכור׳ען, ווייל
טאמער וועט ער פארגעסין אז עס איז שבת און וועט טאן עפעס א ארבייט (תתשכח):

תקח) **הצדיקים**. דיא צדיקים הייסען לעבעדיג נאך׳ן טויט, און אויב זיי קומען אהיים און מאכין
קידוש, פטר׳ן זיי זייער פאמיליע פין הערען קידוש אזוי ווי דיא מעשה פין הייליגען

רבי

## קיצור ספר החסידים

תקט) **אדם** יראה בחלום ישראל או עכו"ם אבל לא בהמה שמתה (תתשלא):

תקי) **לא** ניתן רשות לנפש להגיד לאוהבו בזה העולם גזירות של מעלה (תתשלג):

תקיא) **אעפ"י** שהצדיקים יודעים שחלקן טוב לעוה"ב מצטערין הם מן המיתה ומאימת מלאך הכ"ית וחיבוט הקבר (תתשלד):

תקיב) **אף** שניטל יצה"ר מקרובים מ"מ ע"י המתכלות בעריות היצה"ר מחטיאו אפילו בקרובים (תתשלח):

תקיג) **מיד** אחר ברכת חתנים יתן שטר כתובה (תתשלט):

תקיד) **כשמשימין** הנער בערס וקורין לו שם משימין ספר של תורת כהנים מראשותיו, וכשמגיע ללמוד שהוא בן חמש מתחילין לו בספר ויקרא (תתשם):

תקטו) **איש** הטובע במים פניו למטה, ואשה פני' למעלה וכן ברחם האם (תתשמא):

תקטז) **אם** יבוא הרוצח לאדם שהרגו מבעבע דמו (תתשמג):

תקיז) **כשמגיע** זמן אדם למות מלאך מזלו רואה מלאך המות כולו עינים, בהמית רואים מלאכי חבלה, וכשהכלבים רואים מלאך המות הן בוכים (תתשמה):

תקיח) **אדם** שניזק אם יגיד מה שראה תוך עשרה ימים סכנה. סכנה לסתום חלונות ופתחים (תתשמו):

תקיט) **יש** לרנן בשבת בשירות ותשבחות (תתשמז):

תקכ) **יש** הר אחר שיש עליו מים מי שהוא נוגע במים ומדבר כלום מיד הו' מת. לכך צוה על הר סיני

### טייערע פירונג פאר יעדער יוד

רבי. (אזויא וויא עס שטייט אין כתובות דף ק"ג) און דיא צדיקים זענען נישט אזוי וויא אנדערע גישטארבענע מענטשין וואס גאר'ן טויט זענען זיי פרייא פין מצות (תתשכט):

תקט) **אדם.** א מענטש זעהט אין חלום א יוד צו א גוי וואס איז געשטארבען, אבער נישט א גישטארבענע בהמה (תתשלא):

תקי) **לא.** עס איז נישט ערלויבט גיווארין דער נ"מה אז זיא זאל אויסזאגין צום גיטען פריינד דיא גזירות וואס מען זאגט אויף'ן הימעל (תתשלג):

תיא) **אעפ"י.** האטץ דיא צדיקים ווייסען אז זיי וועלין זיין אין גן עדן, פינדעסטוועגין האבין זיי מצערצען פין טויט און פין דיא פארכט פין מלאך המות און חיבוט הקבר (תתשלד):

תקיב) **אף.** האטש עס איז צו גענומען גיווארין דער יצר הרע פין קרובים. פין דעסטוועגין דורך קוקען אויף עריות מאכט דער יצר הרע זינדיגען אפילו מיט קרובים (תתשלח):

תקיג) **מיד.** באלד נאך ברכת חתנים בדארף דער חתן געבין א כתובה (תתשלט):

תקיד) **כשמשימין.** אז מען לייגט אריין דאס קינד אין בעט און מען גיט אים א נאמען לייגט מען אים אונטער צו קאפינס א חומש ויקרא. און אז מען הייבט מיט אים אן צו לערנען ווען ער איז אלט פינף יאהר, הייבט מען מיט אים אויך אן דעם חומש ויקרא (תתשם):

תקטו) **איש.** אז א מאנספערזאן ווערט דערטרונקען אין וואסער איז זיין געזיכט אראפ. און א פרוי איז איהר געזיכט ארויף, אזוי איז אויך אין דער מוטערס טראכט (תתרמא):

תקטז) **אם.** אויב עס קומט דער מערדער צום מענטש וואס ער האט אים ערמארדעט, קאכט דאס בלוט פין ערמארדעטען (תתשמג):

תקיז) **כשמגיע.** אז עס קומט דיא צייט וואס דער מענטש בדארף שטארבין איז דער מזל-מלאך זעהט דעם מלאך המות וואס ער איז פול מיט אויגען.— דיא בהמות זעהן מלאכי חבלה.— אז דיא הינד זעהן דעם מלאך המות הייבען זיי אן צו וויינען (תתשמה):

תקיח) **אדם.** אז א מענטש איז גישעדיגט גיווארין איז אויב ער זאגט דאס אויס אין פערלויף פין צעהן טאג איז דאס פאר אים גיפעהרליך.— עס איז גיפעהרליך צו פארשטאפין דיא פענסטער און דיא טהירען (תתשמו):

תקיט) **יש.** אום שבת בדארף מען זינגען גיזאנגען און לויבונגען (תתשמז):

תקכ) **יש.** עס איז דא א בארג וואו אויף אים איז דא וואסער און ווער עס ריהרט אן אין דיא וואסער און רעדט עפעס שטארבט באלד יענער מענטש, דרום האט גאט פערבאטין אז מען

## קיצור ספר החסידים

סיני לא תגע בו יד כי המקום ההוא מקום וועד למלאכים (תתשמט):

תקכא) **המלאכים** לא הגידו שמותם ברצון, כמו ליעקב וליהושע ולמנוח, שלא רצו לגלות שמותם להם כדי שלא ישבעוהו כמו שרגילין לעשות בהשבעות ובקמיעות (תתשן):

תקכב) **עצים** של תינוקות של בית רבן שמראין בהם האותיות חביב על הקב״ה (תתשנב):

תקכג) **לא** תמצא פ׳ בשום תפילה כ״א במוסף (תתשנד):

תקכד) **שדים** זכרים יש להם שער בראשם, ולנקבות אין להם שער בראשם (תתשנה):

תקכה) **כל** ימיו של יעקב אבינו ע״ה לא נכנס בבית לבן. מלאך מזלו של אדם מתפלל על האדם שישמע הקב״ה תפלתו של האדם. לרשע מקבלים תפילתו מיד, וצדיקים עד שיצטערו בתפילתם (תתשנח):

תקכו) **מלאך** מזלו של האדם מתפלל עליו קודם שיתפלל האדם (תתשנח):

תקכז) **נביאי** הבעל היו עושים צורות אדם משעוה ועושין להם רע ע״י כשוף (תתשנט):

תקכח) **אין** דבר שלא יהא מלאך ממונה עליו, ואפילו כל עשב ועשב (תתשם):

תקכט) **הנפש** יש לה מזל ברקיע, נפש מהללת את השכינה אף לאחר מיתה, מזל המלאך מהלל למעלה בקול שהצדיק רגיל בו, כדי שיזכור הקב״ה לדורו ולזרעו (תתשסא):

תקל) **הנשמה** רואה מה שעושין לגוף אחר מיתה (תתשסג):

תקלא) **הרשע** מצליח ונשמעין לו ולטוב אין נשמעין (תתשסד):

אין

## טײַערע פירהונג פאר יעדער יוד

מען זאל נישט אן רירין אין בארג סיני, ווײַל אויף יענעם ארט פערזאמלען זיך דיא מלאכים (תתשמט)

תקכא) **המלאכים**. דיא מלאכים האבין נישט ווילענדיג גיזאגט זייער נאמען, דהײַנו צו יעקב׳ן און יהושען און מנוח׳ן, ווײַל זיי האבין נישט גיוואלט אנטפלעקין זייער נאמען, אום מען זאל זיי נישט באשווערין, אזוי וויא מען איז גיוואהנט באשוועהרין דיא מלאכים און שרײַבען קמיעות (תתשן):

תקכב) **עצים**. דיא העלצלאך [דיא טײַטלען] וואס מיט זיי ווײַזט מען דיא בוכשטאבען דיא קינדער אין חדר איז דאס זייער ליעב פאר גאט (תתשנב):

תקכג) **לא**. אין קײַן תפילה געפינט מען נישט דעם בוכשטאב פ׳ נאר אין מוסף (תתשנד):

תקכד) **שדים**. שדים זכרים האבין האר אויפ׳ן קאפ, און נקבות האבין נישט קײַן האר אויפ׳ן קאפ (תתשנה):

תקכה) **כל**. דיא גאנצע צײַט וואס יעקב איז גיוועזן בײַ לבן׳ן איז ער נישט ארײַן גיגאנגען צו אים אין שטוב. — דער מלאך-מזל פין מענטש בעט אויפ׳ן מענטש אז גאט זאל פארנעמען דאס גיבעט פינם מענטש. — אז א רשע בעט פארנעמט מען באלד זײַן גיבעט, אבער אז צדיקים בעטין פאר נעמט מען זייער גיבעט נאר ווען זיי האבין שמערצין (תתשנז):

תקכו) **מלאך**. דער מלאך-מזל פין מענטש בעט אויפ׳ן מענטש נאך איידער עס בעט דער מענטש זעלבסט (תתשנח):

תקכז) **נביאי**. דיא נביאי הבעל האבען גימאכט מענטשליכע געזיכטער פין וואקס און זיי האבין דורך דעם דיא יודין גיטאן שלעכטס דורך כישוף (תתשנט):

תקכח) **אין**. עס איז נישטא קײַן זאך וואס דערויף זאל נישט זײַן א מלאך וואס איז אויף דעם באשטימט, און זאגאר יעדער גרעזעלע האט א בעזונדער מלאך (תתשם):

תקכט) **הנפש**. דיא זעלע האט א מזל אין הימעל. — דיא זעלע לויבט דיא שכינה אפילו נאכ׳ן טויט. — דער מזל-מלאך פינם מענטש לויבט אויפ׳ן הימעל מיט דער זעלבער שטימע וואס דער צדיק איז דערמיט גיוואהנט, אום גאט זאל גידענקען אים און זײַנע קינדער (תתשסא):

תקל) **הנשמה**. דיא נשמה זעהט וואס מען טהיט דעם קערפער נאכן טויט (תתשסג):

תקלא) **הרשע**. א רשע באגליקט און מען פאלגט אים, אבער א ערליכען יוד פאלגט מען נישט (תתשסד):

אין

## קיצור ספר החסידים

תקלב) **אין** הקב"ה דן את האדם אלא בפמליא של מעלה וכשהקב"ה גוזר אין מי שישיב עלי' (תתשסה):
תקלג) **תשובה** מועלת ואינה מבטלת את הגזירה כולה אלא נותנת מתון לרעה שלא תמהר וגם
התשובה מועלת לנשמה להביאה לעוה"ב (תתשסח):
תקלד) **רוחות** של רשעים במיתתן הם מזיקין למחללי שבתות או אם היו עצבים בשבת או אפילו
אינו מתעדן בו. ולכך אומרים בשבת יקום פורקן (תתשע):
תקלה) **ברא** מזכה אבא כגון שהאב חוטא ונותן את בנו ללמוד תורה ומעש"ט הואיל וע"י האב זכה
הבן ברא מזכה אבא. ואם האבות צוו לבנים לעשות דברים אחר מותן הרי כשעשו
הבנים כאלו עשו האבות, ומכאן תקנו שגודרין צדקה שיטב לאותן שכבר מתו. המתים מתפללין על
הבנים (תתשעא):
תקלו) **המזיקין** מתגרין במי שמתגרה בהם, כגון שכתב הוא או אבותיו קמיעות. ואין לו לעשות
אלא תפילה ותחנונים על הכל. וה' ישמרנו ויעזרנו אותנו ואת כל אשר לנו מעתה
ועד עולם אמן ואמן (תתשעג):

## צוואת רבי יהודה החסיד:

א) **אין** לקבור שני מתים זה אצל זה שהיו שונאים בחייהם כי אין להם מנוחה יחד:
ב) **אין** לחצוב קבר ולהניח פתוח אם אין נותנים בו המת מבעוד יום, ואם יניחנו פתוח עד הבוקר
בימים מועטים ימות אחד מבני העיר:

אין

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

תקלב) **אין**. גאט משפט נישט דעם מענטש נאר אין פמליא של מעלה, און אז גאט איז עפעס גוזר
איז נישטא ווער עס זאל דערויף אפ ענטפערין (תתשסה):
תקלג) **תשובה**. תשובה העלפט און זיא איז נישט מבטל דיא גאנצע גזירה, נאר זיא גיט א גאמע-
ליבקייט צו דער שלעכטיגקייט. אז זיא זאל זיך נישט היילען, אויך דיא תשובה העלפט
צו דער נשמה, אום איר ברענגען אויף יענער וועלט (תתשסח):
תקלד) **רוחות**. דיא רוחות פון דיא רשעים נאך'ן טויט שעדיגען זיי דיא מענטשין וואס זענען מחלל
שבת און דיא מענטשין וואס זענען געוועזן טרויעריג אום שבת. אדער אפילו וואס הא-
בין זיך נאר נישט אן גיטאן פערגעניגען אום שבת. דרום זאגט מען אים שבת יקום פורקן (תתשע):
תקלה) **ברא**. א זוהן איז מזכה דעם פאטער. דהיינו אז דער פאטער זינדיגט און ער גיט דעם זוהן
לערנען תורה און טאן גוטע מעשים. איז וויל דאך נאר דורכ'ן פאטער האט דער זוהן זוכה
געוועזן, דרום איז דער זוהן מזכה דעם פאטער. — אויב דיא עלטערין האבין באפוילען זייערע קינדער
אז זיי זאלין טאן באשטימטע זאכין נאכ'ן טויט און אז דיא קינדער טוהען דאס. איז גלייך אזוי ווי
זייערע עלטערין האבין דאס גיטאן. דרום האט מען מתקן געוועזן אז מען איז מנדר אויף צדקה אום
מען זאל גוטס טאן דיא גישטארבענע מענטשין. — דיא גישטארבענע בעטין אויף זייערע קינדער אז
מען זאל זיי גוטס טאן (תתשעא):
תקלו) **המזיקין**. דיא מזיקין רייצען זיך מיט דעם מענטש וואס רייצט זיך מיט זיי. דהיינו דער מענטש
וואס ער אדער זיינע עלטערין האבין געשריבען קמיעות. א מענטש בדארף נאר טאן
תפילה און בעטין אויף אלץ. און גאט זאל אונז היטען און זאל העלפין אונז און אונזערע קינדער און-
אלץ וואס מיר האבין פון יעצט ביז אייביג אמן ואמן (תתשעג):

## די צוואה פון רבי יהודה החסיד:

א) **אין**. מען טאר נישט באגראבין איינער נעבין אנדערין. צוויי גישטארבענע מענטשין, וואס לעבעדי-
געהייט זענען זיי געוועזן שונאים, ווייל זיי ביידע האבין נישט קיין רוה:
ב) **אין**. מען טאר נישט אויסהאקען א קבר און אים לאזין אפען, אויב מען לייגט דארט באלד נישט
אריין דעם גישטארבענעם ווען עס איז נאך טאג. אז אויב מען לאזט אים אפען ביז אין
דער פריא וועט אין א קורצע צייט איינער פון דיא שטאט שטארבען:

אין

## קיצור ספר החסידים

ג) **אין** להשים ארון של מת על ארון אחר שיש בו מת כבר, ואם נעשה בודאי שימות אחד מבני העיר בתוך ט׳ ימים:

ד) **לא** ינשק (ס״א לא יאחז) אחד מילדיו כשהוא מת כי לא ישאר לו אפילו אחד:

ה) **כשנושאין** המת מן הבית יש ליזהר שלא יצא אדם ראשון:

ו) **הרוחות** של מתים משוטטות בעולם לשמוע מה גזרה יצאה לעולם, ולפעמים אומרים לחיים לבא עמהם אם מתרצים אז הוא או אחד מזרעו ימות אלא יש לומר להם בעבור הקב״ה איני רוצה לבוא עמכם ולא עם מתים אחרים ולמחר ילך על קברם ויחלוץ מנעליו וישתטח על קבר ישכיעהו, כמו כן יאמר בעבור הקב״ה החפץ בחיים שלא תבוא עוד אחרי ולא אחר זרעי ולא אחרו שום בר ישראל או בת ישראל, לא אתם, ולא שלוחכם כי חפצי בעוה״ז ולא באותו העולם, כן יאמר ג״פ בלא מנעלים וי״א ג׳ ימים ויצום אותו היום:

ז) **לאחר** שטיהרו המת לא יניחו המת באותו המקום שטיהרו אלא ישליכוהו כנגד פתח הבית לפנים מן הבית:

ח) **ואם** יש קברות בעיר לא יעברו המת לעיר אחרת לקבור כי המתים ששוכבים שם בועסים כי הוא בזיון להם:

ט) **לא** ילך אדם על קבר אחד ב׳ פעמים ביום א׳ אלא יבקש רצונו ולא ישוב עד למחר:

אין

## טײַערע פירונג פאר יעדער יוד

ג) **אין**. מען טאר נישט ארויפלײגען א ארון פון א געשטארבענעם אויף א אנדער ארון וואס אין אים ליגט א מת, און אויב מען האט אזוי גיטאן וועט געוויס א מענטש פון דער שטאדט שטארבען אין פערלויף פון נײַן טעג:

ד) **לא**. מען טאר נישט קוקין (א אנדער נוסח איז, מען טאר נישט האלטין) זײַן קינד ווען עס איז געשטארבין, ווײַל דורכדעם וועט אים נישט בלײַבען אפילו אײַן קינד:

ה) **כשנושאין**. אז מען טראגט ארויס א געשטארבענעם פונ׳ם שטוב, בדארף מען זײַן געהיט אז קײַן מענטש זאל פריהער נישט ארויסגײַן צום ערשטין:

ו) **הרוחות**. די רוחות פון די געשטארבענע מענטשין שווימען אויף דער וועלט אום צו הערין וועלכע גזירה איז יעצט ארויס גיגאנגין אויף דער וועלט.—טײל מאל זאגין זײ צו לעבעדיגע אז זײ זאלין מיטגעהן מיט זײ, איז אויב די לעבעדיגע בעווילינין דאס, שטארבט ער אדער אײַנער פון זײַנע קינדער, נאר מען בדארף דעמאלט די געשטארבענע ענטפערין, צוליעב גאט וויל איך נישט גײַן, נישט מיט אײַך, און נישט מיט אנדערע געשטארבענע, און מארגען זאל ער גײַן אויף זײַער קבר און זאל אויסטאן די שיך און זאל זיך משתטח זײַן אויפ׳ן קבר, און זאל דעם געשטארבענעם באשווערין, און זאל אים זאגין צוליעב גאט וואס ער וויל אז מען זאל לעבין, באשווער איך דיר אז די זאלסט שוין מעהר נישט קומען, נישט נאך מיר און נישט נאך מײַנע קינדער און נישט נאך קײַן יודישען זוהן, און נישט נאך קײַן יודישע טאכטער, נישט איר, און נישט אײַער שליח, ווײַל איך וויל די וועלט, און נישט יענע וועלט, אזוי זאל ער זאגין דרײַ מאל, ווען ער גײַט אוים געטאן די שיך (אנדערע זאגין דרײַ טעג) און דעם טאג זאל ער פאסטין:

ז) **לאחר**. נאכדעם ווי מען האט מטהר געווען א געשטארבענעם, זאל מען אים נאכהער נישט לאזין ליגען אויף דעם זעלבין ארט, נאר מען זאל אים לײַגען אנטקעגען די טיהר פון שטוב, אין שטוב:

ח) **ואם**. אויב עס איז דא אין דער שטאט א בית הקברות זאל מען דעם געשטארבענעם נישט פירין אין א אנדערע שטאט, אום אים דארטען צובאגראבען. ווײַל די געשטארבענע וואס ליגען דארט זענען אין בעס, דען דאס איז פאר זײ א שאנדע:

ט) **לא**. א מענטש זאל נישט גײַן אויף אײַן קבר צוויי מאל אין אײַן טאג, נאר מען זאל גײַן אײַן מאהל, און דארטין בעטין וואס מען וויל, און מײַן זאל מען אהין נישט גײַן ביז מארגען:

אין

### קיצור ספר החסידים

י) **אין** לקבל שום דבר מן המת בחלום:
יא) **אין** לגדור לו שום נדר:
יב) **אדם** שהי' חולה והי"ה אשה אם אומרים לאדם קבל זה הילד שיש פה או קבל דבר אחר והוא
רואה שאין שם שום דבר אין לו לומר תן לי ברצון כי הוא עצמו ימות אלא יאמר איני
אוכל:
יג) **כל** הבוכה על מת יותר מדאי על מת אחר יבכה.] וג' ימים לבכי. ז' ימים להספד ל' ימים,
לגיהוץ ולתספורת. ומכאן ואילך אומר הקב"ה אין אתה רחמני יותר ממני:
יד) **ואם** בגה לא ידור בו ימים כי הוא או בניו ימותו אלא ימכרנו. ושל עץ ספק:
טו) **לא** יבנה אדם בית על קרקע שלא עבד בו בנין מעולם:
טז) **ואם** הוא אינו רוצה להניחו פנוי אז לא ישב בו שנה תמימה:
יז) **לא** יעשה אדם מרחץ בתוך ביתו ואם יעשה הבית יחרב אא"כ עושה לרחוץ בו רבים:
יח) **לא** יעשה אדם ביתו גבוה מבית הכנסת:
יט) **לא** יסתום אדם חלון או פתח לגמרי שלא יזיקו השדים, כי דרכן לצאת בו. אלא ינקוב נקב
קטן בו:
כ) **לא** יבנה אדם ביתו ולשנות בית מדרשו כי הוא קודש הן:
כא) **לא** ישא אדם בת אחיו או בת אחותו:
כב) **לא** ישא אשה ששמה כשם אמו או שמו כשם חמיו:

### טייערע פירהרונג פאר יעדער יוד

ואם

י) **אין**, פון א גישטארבענעם בדארף מען קיין זאך נישט נעמען אין חלום:
יא) **אין**, צו אגישטארבענעם בדארף מען נישט טאן קיין נדר אויף קיין זאך:
יב) **אדם**, אז אמענטש איז קראנק. אדער אפרוי וואס איז קראנק, אויב מען זאגט צו זיי נעם צו
דאס קינד וואס עס איז דא, אדער נעם צו אנדער זאך, און מען זעהט אז דארטן איז
גאר נישטא, בדארף מען נישט זאגן גיב דאס מיר, מיט ווילן. ווייל ער זעלבסט וועט שטארבען
נאר מען זאל ענטפערן איך וויל דאס נישט עסן:
יג) **כל**. דער מענטש וואס וויינט אויף א גישטארבענעם מיין וויפיעל מען בדארף. וועט ער וויינען
אויף נאך א גישטארבענעם, — דריי טאג איז באשטימט אויף וויינען. זיעבען טאג איז באש-
טימט אויף קלאגען. דרייסיג טאג איז באשטימט אז מען טאר נישט גלייכען און זיך שערען. נאך דער
צייט זאגט גאט צום מענטש. דיא ביסט נישט מעהר דערבארעמדיג פאר מיר:
יד) **אם**. אויב א מענטש האט גיבויט זאל ער דארט נישט וואהנען קיין טעג. ווייל ער אדער זיינע
קינדער וועלין שטארבען, נאר ער זאל דאס פערקויפען. א הילצערנע איז א צווייפעל:
טו) **לא**. א מענטש זאל נישט בויען א שטוב אויף א פלאץ וואס עס איז דארטין נאך קיינמאל נישט
גישטאנען א געביידע:
טז) **ואם**. און אויב ער וויל דעם פלאץ נישט שטיין לאזין ליידיג. און וויל דארטען פארט בויען, זאל
ער עס דערנאך לאזין שטיין ליידיג א גאנץ יאהר:
יז) **לא**. א מענטש זאל ביי זיך אין הויז נישט מאכין קיין באד, און אויב ער וועט מאכען, וועט דיא
שטוב וויסט ווערען. סיידען ער מאכט דאס או פיעל מענטשין זאלין זיך דארטין וואשען:
יח) **לא**. א מענטש זאל נישט מאכין זיין שטוב העכער פון דער שוהל:
יט) **לא**. א מענטש זאל אינגאנצען נישט פאר שטאפין א פענסטער אדער א טהיר, אום עס זאל נישט
שעדיגען דיא מזיקין. ווייל זייער שטייגער איז דארטין ארוים צו גיין. נאר ער זאל דארטין
איבערלעכערין א קליין לעכעלע:
כ) **לא**. א מענטש זאל נישט בויען זיין שטוב און זאל איבער מאכין זיין בית המדרש. ווייל דאס איז
הייליג פאר גאט:
כא) **אל**. א מענטש זאל נישט נעמען א ווייב זיין ברידערס טאכטער, אדער זיין שוועסטערס טאכטער:
כב) **לא**. א מענטש זאל נישט נעמען א ווייב וואס איר נאמען איז דער זעלבער וויא זיין מוטערס
נאמען

## קיצור ספר החסידים

כג) **ואם** נשאה יכנה שם האחד אולי יש תקוה:
כד) **שני** בני אדם ששמותן שוים לא יזדווגו יחד בילדיהן (ס"א לא יעשו נשואים לשני ילדיהן יחד)
(וזה ספק אם לזרעו או לכל אדם):
כה) **ולא** ישאו ב' אחים שני אחיות:
כו) **לא** ישא אדם שני אחיות זו אחר זו (ודוקא לזרעו כך מצאתי, ומסתמא ב' אחים לב' אחיות
ג"כ לזרעו):
כז) **לא** ישאו ב' אחים אשה ובתה:
כח) **ולא** ינשאו ב' אחיות לאב ובנו:
כט) **לא** יתחתן אדם ב' פעמים עם חבירו בן ובת בת ובן:
ל) **לא** ישאו ב' חורגים שקורין שטיף קינדער זה את זה לא בת האשה לבן של איש, או להיפך:
לא) **לא** יעשה נשואין לשני ילדים יחד כי לא יצליחו:
לב) **שני** חופות בשבת אחד, אחד מהם יעני או ילך לגולה או ימות:
לג) **שלא** יצוד צבי לחופה כי צבי לחופה צרה יגיד;
לד) **אחים** נשואים לא ידורו בעיר אחד יחד, וסימן לדבר כי ישבו אחים יחדיו וגו':
לה) **שלשה** בעלי בתים לא ידורו בבית אחד, כי אחד מהם יעני או ימות כ"ש ד' או ה':
לא

## טייערע פיהרונג פאר יעדער יוד

נאמען אדער זיין נאמען איז דער זעלבער וויא זיין שווער'ס נאמען:
כג) **ואם**, און אויב ער האט שוין חתונה געהאט, זאל ער זיין נאמען פאר ענדערן, פיליכט איז
דא א האפענונג:
כד) **שני**. צוויי מענטשין וואס מען רופט זיי דעם זעלבען נאמען זאלען זיך נישט משדך זיין מיט
זייערע קינדער (א אנדער נוסח איז אז זיי זאלין נישט חתונה מאכען צו זאממען זייערע
קינדער) (און דאס איז א צווייפעל אויב רבי יהודה החסיד האט דאס אן געזאגט נאר זיינע קינדער אדער
ער האט דאס אן געזאגט יעדער מענטש):
כה) **ולא** צוויי ברידער זאלין נישט נעמען ווייבער צוויי שוועסטער:
כו) **ולא**. אמענטש זאל נישט נעמען אוייב צוויי שוועסטער איינער נאך דער אנדערער (דאס האט
רבי יהודה החסיד אן געזאגט נאר זיינע קינדער, און געווים דאס פריהערדיגע אז צוויי
ברידער זאלין נישט נעמען צוויי שוועסטער האט ער דאס אן געזאגט אויך נאר זיינע קינדער):
כז) **לא**. צוויי ברידער זאלין נישט נעמען ווייבער, א פרוי און איר טאכטער:
כח) **ולא**. צוויי שוועסטער זאלין נישט גינימען ווערין פאר ווייבער צו א פאטער און זיין זוהן:
כט) **לא**. אמענטש זאל זיך נישט מתחתן זיין צוויי מאהל מיט זיין חבר, ער זאל נישט נעמען פאר
זיין טאכטער און זוהן דעם חבר'ס זוהן און טאכטער אדער פארקעהרט:
ל) **לא**. עס זאלין נישט חתונה האבין צוויי שטיף קינדער, נישט דיא טאכטער פין דער פרוי צום
זוהן פין מאן, אדער פארקעהרט:
לא) **לא**. אמענטש זאל נישט חתונה מאכען זיינע צוויי קינדער צי זאממען, ווייל זיי וועלין נישט
באגליקען:
לב) **שני**. צוויי חופות אין איין וואך וועט איינער פון זיי ארום ווערין, אדער ער וועט גיין אין גלות,
אדער ער וועט שטארבין:
לג) **שלא**. מען זאל נישט פיינגען א הירש צו דער חופה, ווייל א הירש צו דער חופה זאגט דאס אן
אויף א אומגליק:
לד) **אחים**. צוויי ברידער וואס האבין חתונה געהאט זאלין נישט וואהנען אין איין שטאט און א סימן
צי דעם איז דאס וואס עס שטייט אין דער תורה אז צוויי ברידער וועלין זיצין צוזאממען
און איינער פון זיי וועט שטארבין:
לה) **שלשה**. דריי בעלי בתים זאלין נישט וואהנען אין איין שטוב, ווייל איינער פין זיי וועט ארום
ווערין, אדער שטארבען, אכל שכן דריי אדער פיער זאלין נישט וואהנען צוזאממען:
לא

## קיצור ספר החסידים

לו) לא יעשה חבירו סנדק לשני בניו אלא אם כן מת האחד:
לז) לא יניח אדם מלזקוק עם אשתו לילה שטבלה בה:
לח) האומר דרך שחוק או ליצנות או דרך גיזום לעשות כך וכך אפילו אמר פעם אחר צריך שיעשה כן קודם מותו:
לט) לא ילך אדם מביתו לדרך ויחזור לביתו אם שכח איזה דבר רק יעמוד לפני הבית לשאול מה שצריך:
מ) לא ימשח אדם מנעליו ביום שדעתו לילך לדרך:
מא) לא ישב על עגלה בשעה שעומדת בספינה:
מב) וכן לא ירכב על סוס כשהוא עומד בתוך הספינה:
מג) וי"א אף על דף שבולט מהספינה לא ישב:
מד) ויש משפחות שמונעים זה בטב"ת והעיקר הוא בשבט:
מה) אווזא או תרנגול או כל דבר חי הכופה קערה או כלי אחר יש לשחוט אותה מיד:
מו) וכן אילן העושה פירות ב׳ פעמים בשנה אחת יש לקוצצו מיד ואין להניחו כלל:
מז) אילן העושה פירות אין לקצות אותו:
מח) לא יעשה מתבואת זרעו אוצר בחפירת קרקע על היוקר כי יפסיד:
מט) לא יכתוב אדם על ספר שלי הוא אלא יכתוב עליו שמו בלי שלי הוא:

לא

## טײַערע פּיהרונג פאר יעדער יוד

לו) לא. אמענטש זאל ניט מאכן זײַן חבר א סנדק צו זײַנע צװײַא קינדער סײַדן אז דאס ערשטע קינד איז געשטארבן:
לז) לא. א מענטש זאל ניט אפ לאזן פון צו מזקק זײַן זיך צו זײַן װײַב דיא נאכט װאס זיא איז געװען טבילה:
לח) האומר. דער מענטש װאס זאגט אויף גילעכטער אדער אויף ליצנות אדער אויף א גוזמא אז ער װעט אזוי און אזוי טאן איז אפילו אז ער האט דאס גיזאגט נאר איין מאהל װעט ער אזוי מוזען טאן אײדער ער װעט שטארבן:
לט) לא. אז אמענטש גײט אװעק פון שטוב אין װעג און ער האט עפּעס פערגעסן זאל ער זיך ניט צוריק אומקערען אין שטוב אריין. נאר ער זאל שטײן פארין שטיב און זאל זאגן אז מען זאל אים ארויס דערלאנגען דאס װאס ער בעדארף צו האבן:
מ) לא. אמענטש זאל ניט שמירין דיא שיך אין דעם טאג װאס ער קלערט ארויס גײן אין װעג:
מא) לא. אמענטש זאל זיך ניט זעצין אויף א װאגין װאס שטײט אין א שיף:
מב) וכן. אויך זאל ער ניט רײטין אויף אפערד װען ער שטײט אין אשיף:
מג) ויש. אנדערע זאגין אויך אויף אברעט װאס שטארצט ארויס פון אשיף זאל מען זיך ניט זעצין:
מד) ויש. און עס איז דא פאמיליעס װאס פארמײַדין זיך דאס נאר אין חודש טבת און איבער הויפּט איז אין חודש שבט:
מה) אווזא. אגאנז אדער אהאן אדער יעדער לעבידיגע זאך װאס בײַקט איין אטעלער אדער איין אנדער כלי בדארף מען איר באלד שעכטין:
מו) וכן. אויך אבוים װאס עס װאקסט אויף אים פרוכט צװײַא מאהל אין איין יאהר בדארף מען אים באלד אפ האקין און מען זאל אים גאר ניט איבער לאזין:
מז) אילן. אבוים װאס װאקסט אויף אים פרוכט בדארף מען אים ניט אפ צו האקין:
מח) לא. א מענטש זאל ניט מאכין פון זײַן גיטרײַדע א אוצר און דאס באגראבין אין דער ערד אום דאס צו באהאלטין אויף דער צײַט װען עס װעט װערין טײַער. װײַל ער װעט האבין שאדין:
מט) לא. אמענטש זאל ניט שרײַבין אויף אספר „דער ספר איז מײַנער" נאר ער זאל אויף אים שרײַבין זײַן נאמען און ניט שרײַבין אז ער איז מײַנער:

לא

### קיצור ספר החסידים

נ) **לא** יגלח אדם הראש ולא הזקן בראש חודש:

נא) **וכן** לא יטול צפרנים בראש חודש:

נב) **לא** יתוץ אדם תנור וכירים שאופים בו להשתמש באותה מקום אלא יניח אותו לתקן שנית כי סכנה גרולה כל עושה אלה:

נג) **תרנגולת** שקראה כמו תרנגול ישחטנה מיד:

נד) **וכן** כל רבר שינוי יסירנה מן הבית:

נה) **לא** יקרא איש מזרעו את בנו יהודה ולא שמואל:

נו) **לא** יגדל אדם בלורית כי הוא עון פלילי:

נז) **אשה** שהתחילה להניק בנה תתחיל להניקו בררה של שמאל.

נח) **איש** בארץ שוואבין לא יגדל נערים שיזכו לישיבה:

## תמו צוואות רבי יהודה החסיד ז״ל

### טײַערע פֿירונג פֿאַר יעדער ייד

נ) **לא.** אַ מענטש זאָל ניִשט שעריִן דיא קאָפּ און דיא באָרד אום ראש חודש:

נא) **וכן** אַזוי אויך זאָל מען נישט אָפּ שנײַדיִן די נעגיל אום ראש חודש:

נב) **לא.** אַמענטש זאָל ניִשט צי וואַרפֿין אַ אויוויִן און אַקאַך וואָס מען באַקט דאָרט, אום צו ניִצען אויף יענעם אָרט, נאָר ער זאָל אים לאָזיִן פֿאַריכטיִן נאָך אַמאָל ווײַל עס איז זײַער געפֿערלעך פֿאַר דעם מענטש וואָס טהוט אַזוי:

נג) **תרנגולת.** אַ היִן וואָס האָט ניקרײַעט אַזוי וויא'אַ האָן זאָל ער איר באַלד שחטין;

נד) **וכן.** אַזוי יעדער זאַך וואָס האָט געמאַן אַענדערונג זאָל ער דאָס אָפּ קעריִן פֿין שטיב:

נה) **לא.** אַמענטש זאָל ניִשט ריפֿען זײַן זוהן דעם נאָמען יהודה און ניִשט שמואל;

נו) **לא.** אַמענטש זאָל נישט פֿערלאָזיִן אײַן טשאָפּ ווײַל דאָס איז אַגרויסע זינד;

נז) **אשה.** אַפֿילו וואָס האָט אָן געהויבין צי זײַגיִן איר קינד זאָל זיא אים אָן הײַביִן צו זײַגיִן מיִט דער לינקער בריִסט;

נח) **איש.** אַ מענטש איִן שוואַביִן וועט ניִשט אויף האָדעווען קינדער וואָס וועליִן זוכה זײַן לערנען איִן אַ ישיבה:

**ע נ ד ע.**

# תיקוני טעיות והשמטות

סימן ל״ח במקום יעסוך צ״ל יעסוק נ׳
ע״ז ״ וחרם ״ וחכם צ״ז
קב״ש ״ ח״י ״ ח׳ קס״ד
קל״ב ״ בזארגאן קינרער צ״ל זיהן קס״ד
קל״ו יעצב כגון שנזדמן לו אשת יפה בקרן זוית בלי כונה וראה אותה שהיא יפה ושמח
ע״ז וע״ז נאמר יביא אלקים על כל נעלם וצריך תשובה על חשמחת הרעה הזאת : קע״ז
שם בזארגאן ארבר עבירה דהיינו ער האט גיזעהן אשיינע אשה אימגערין אין האט
הנאה געהאט דארף ער תשובה טוען אויף דיא שלכטי רגעריגע מחשבה : קע״ז
שם אין אויב עם האט זיך עהם כפאסירט אדבר מצוה אומגערין זאל ער זיך פרייען אין
לייבען השי״ת דפאר : קע״ו
קע״א שהרי לא תמצא מי שיענה אמן:
שם בזארגאן אגזלן צו גא״ט דעם אמן ווייל דיא וועסט נישט גיפינען ווער עם זאל דיר
ענטפארין אמן : רנ״ד
רכ״ט הזהר מאדם תמוחרם שלא לילך עמו בדרך ובספינה ולדבר עמו : שצ״ח
בין רכ״א בין רכ״ב לא תתפלל תזמין לי פלגיתא כי הוא סכנה : שפ״ג
שם צווישען סימן רכ״א ורכ״ב דיא זאלסט נישט בעטין אז דיא גא״ט זאלסט מזמין זיין
דיא אשה ווארין דאס איז אין סכנה : שפ״ג
רס״ד אחיות, מפני הסכנה ואם עברו יגרש אחד מהם :
שם בזארגאן צוויי שוועסטערין אין אז זייא האבין עובר גיוועזין זאל ער איינע גט
געבין: תע״ז
ש״י תתפלה טוב יותר שמתפלל בלשון שמבין מלהתפלל בלשון הקודש ואינו מבין.
שם דיא תפלה אין מער אהן גינומען בייא גא״ט אז ער בעט מיט דעם לשון וואס
ער פארשטייט מעהר ווי פין לשון הקודש אין פארשטייט נישט : תקפ״ח

נשמט מהצוואה מסוף סימן ח׳ כשקוברין אשה שהיתה אוכלת ילדים בחיית אם רואים פיה
פתוח בידוע שתעשה כן אף לאחר מותה שנה אחת, ויש למלאות פיה בעפר ולא
תזיק עוד.

שם סוף סי׳ ו׳ כשמטהרין את המת אין מהפכין את הדף שמטהרו עליו כי סכנה יש בדבר
שמא ימות אחד תוך שלשה ימים.

שם סי׳ ז׳ צריך לראות שלא יקפוץ המת אצבעות ידיו.

בזארגאן סימן ד׳ במקום קוקין צ״ל קושין

בהצוואה סימן י״ד ד״ה ואם, צריך לחתחיל לא יבנה אדם בית של אבנים.

שם סימן מ״ד ד״ח ויש, צריך להתחיל לא ישחוט אדם אווזים בשבט.

שם סוף סימן מ״ח פרה אשר תלד ב׳ עגלים יחד או כל דבר שאינו רגיל לחיות כגון תרנגולת
שתלד ב׳ ביצים ביום אחד צריך לשוחטן מיד.

נשמט מסוף סי׳ נ״ת לא ידור רב בתורלבורג כי לא יאריך ימים. לא ידור כהן בריגענשבערג
ולא אלעזר, לא ידור איש ואשה באזיגשבורג. אשה מזרעו שילדה לא תאכל פעם
ראשונה תרנגולת, לא יגדל אדם עגלים הנולדים מבהמותיו, לא יושיב אדם תרנגולת על ביצים
לגדל אפרחים.

# הערה להצוואת הס"ח סי' נ"ו

**הערה)** הנה בענין האיסור של בלורית יש מגדולי רבותינו הגאונים האחרונים ז"ל שכתבו שהיא מה שמגדלין השער לנוי וליופי דרך שחץ וגאוה היא עיקר האיסור של בלורית הלא המה הב"ח והפרישה והט"ז שכתב שם סק"א דאף בלי שום גילוח נאמר איסור זה כו' ואף זה בכלל בלורית עכ"ל ומכ"ש דאם מגלח עצמו ומניח שערות לנוי וליופי דודאי האיסור דבלורית וכמו שמסיק הטו"ז אח"כ וז"ל דחד טעמא הוא שהכלל שיש לישראל להבדל מהם דמה לי בכך ומה לי בכך עכ"ל ומסיק דגם הב"ח והפרישה פסקו כן והם כתבו בפירוש דכל שהוא לנוי וליופי הו"ל בלורית, וכ"כ הש"ך ביו"ד סי' קע"ח דלא כב"י וכ"כ מרן אדונינו הגר"א ז"ל ס"ק ב' שכתב שם ג"כ בזה"ל דלא כב"י, וכ"כ הברכ"י שם וז"ל בד"ח ולא יגדל ציצית ראשו וז"ל אף בלא גילוח אסור כו' והרבה בחורים במדינתנו נכשלים בזה ויש להוכיחם אולי ישיבו עכ"ל, והנה הרב הגאון המחצית השקל בסי' כ"ז סק"ד מפיו לפידים יהלוכו על אותם מגדלי בלורית וז"ל שם עלי המעשה של אותן האנשים שמגדלין בלורתיהן מלבד שיש בזה איסור ממ"ש ביור סי' קע"ח יש בזה איסור בהנחת תפילין כיון שגדולים הרבה ליכא למימר היינו רבותיהו וחוצצים כו' וח"ה הני שערות מרובים הוי ככובע עבה עכ"ל, והובא דבריו ז"ל בהרבה אחרונים

הא) במשנה ברורה ס"ק ק"ו.

הב) בקיצור ש"ע סי' י' סע"ד וז"ל אבל אותן המגדלין בלורית מלבד מה שהוא דרך שחץ וגאוה ויש בזה איסור יש בזה עוד איסור משום הנחת תפילין דכיון שגדולים הרבה חוי חציצה עכ"ל.

הג) בגדול שבאחרונים בספר שלחן שלמה על הש"ע סי' כ"ז סע"ד וז"ל לא יהא חוצץ בין תפילין לבשרו לכן יזהר כו' גם שלא יהא שערותיו גדולים עכ"ל.

הד) בס' כף החיים ס"ק ט"ו מביא דברי המחחש"ק באריכות ומביא דברי הקצש"ע ועוד אחרונים לאיסור ובכש"כ אותם המגדלין בלורית לפניהם ובשעת הנחת תפילין נותנים את השערות למעלה על הראש ועליהם הקציצה שלא יהיו השערות תלויות למטה בין עיניהם ע"ז כתב הגאון ר' שלמה גאנצפריד דנראו לו דבזה לכ"ע הוי חציצה בהפאת השלחן שלו על הקש"ע שלו.

הה) בס' תוס' חיים על החיי אדם מביא ג"כ את דברי המחצה"ש להלכה, וגם את דברי הקש"ע דבנותן השער למעלה לכ"ע הוי חציצה וגם בהכף החיים מביא דברי הקש"ע אלו להלכה.

הו) הפתחי עולם על הש"ע שם הוא מביא דברי המח"ש הזה להלכה, ועתה מאן חשוב ומאן ספין לעבור על דברי הגאונים הצדיקים האלו אשר מלחמם אנו אוכלים וממימיהם אנו שותים הב"ח והט"ז והפרישה והט"ז והש"ך ז"ל ואדונינו הגר"א והברכ"י ז"ל שכולם כתבו

# הערה להצוואת הס"ח סי' נ"ו

שמה שמגדלין השער לנוי וליופי היא עיקר האיסור של הבלורית ודלא כב"י, וא"כ פוקו וחזו מש"כ בתשובת הר"ן ז"ל ששאלו אותו בענין אם מותר לקרות המגילה אשר לרוב פוסקים היא כשירה ורק לחד פוסק היא פסולה והשיב שם אם האדם יצרך לילך על הגשר ושר אונזעניר אחד יאמר לו שהיא מקום סכנה בודאי] לא ילך על גשר זו ואם על עניני הגוף יחשוב להחמיר כ"כ א"כ ק"ו ב"ב של ק"ו שיש להחמיר בעניני הנפש לעשות המצוה על צד היותר טוב וכשר כבין ור עכ"ל תשובת הר"ן ז"ל ועתה ק"ו ב"ב של ק"ו כיון דלהרבה פוסקים הנ"ל דהשערות שנעשו לנוי וליופי היא העיקר האיסור של הבלורית האיך יוכל שום איש להקל בזה כיון שיש גדולי הפוסקים הנ"ל שאוסרים בזה, ועי"כ הגם כי אנכי זעירא דמן חבריא עכ"ז תדעו שיש לי ב"ה סמיכת חכמים והיתר הוראה מן גאוני קדמאי ובתראי אשר עדיין ב"ה הם מונחים תחי' הלא המה מהרב הגאון ר' יצחק אלחנן ז"ל ומהרב הגאון ר' יהושע אבד"ק קוטנא ז"ל ומהרב הגאון ר' חיים אלעזר וואקס אבד"ק פיעטרוקוב ז"ל ומהרב הגאון ר' שלום מרדכי אבד"ק ברזאן ז"ל ומהרב הגאון ר' רפאל שפירא ז"ל אבד"ק באברויסק ומהרב הגאון ר' יעקב דוד אבד"ק סלאצק ז"ל ועוד ועוד בעזה"י ע"כ בכח וכותם אוכל גם אנכי לצרף עם הני גאוני וגדולי רבנן דפה ירושלים עה"ק תובב"א שהסכימו עמי בזה שהוא איסור חמור לילך בהבלורית לגדל שערם מלפניו או מלאחריו לנוי וליופי, עפ"י דהוח"ק כגדולי פוסקים הנ"ל כאשר עפ"י דתוה"ק יחיד ורבים הלכה כרבים, והאמת אגיד שהרבנים הגאונים והגדולים דפה אמרו לי שאינם רוצים להודיע זאת יען מוטב שיהיו שוגגין ולא יהיו מזידין אבל כאשר אנכי הדפסתי את הקיצור ספר חסידים עם הצוואת הספר חסידים שכתב שם בזה"ל לא יגדל אדם בלורית שזה עון פלילי עכ"ל, ע"כ לא אוכל להתאפק מלהודיע קשוט דברי אמת לזכות את הרבים בזה להודיע את גודל האיסור של הבלורית שהאיסור הבלורית הוא עפ"י רוב הפוסקים איסור דאורייתא ממש ואקוה שישמעו אלי היראים והחרדים לדבר ה' בזה שלא לילך בבלירות לגדל שערם לנוי ויופי כי עפ"י הדתוה"ק יחיד ורבים הלכה כרבים ע"כ מי שיש בו זיק וניצוץ יר"ש שמים יסיר ממנו את „אשמתו" כ"אשר שמעתי בשם הגר"א ז"ל ע"ז קדקד שער המהלך „באשמיו" גיוואלט מען טאר נישט גיין קיין טשאפ עפ"י התורה עפ"י ציווי השם ית"ש אשר ציונו בזה אחרי רבים להטות ואם רוב פוסקים הנ"ל אוסרים בודאי הוא איסור גמור ובפרט שגדולי הרבנים דפה ירושלים עיה"ק תובב"א כולם הסכימו עמי בזה אשר קטנם עבה ממתני המשכילים בזה שעוברים בזה על דת התוה"ק כנ"ל: וממילא הוסרה טענת המקילים לענין החציצה בתפילין באמרם שבספר ערוך השלחן משיג על המחצה"ש כיון שכל גדולי הדור מביאים דברי המחצה"ש להלכה המשנה ברורה, והקש"ע, ותפתחי עולם, והתומ' חיים, והפוסק המפורסם השלחן שלמה כתב גם כן מדעת עצמו כן שכתב שם בפירוש בזה"ל גם שלא יהא שערותיו גדולים דחייצי, ועוד אחרונים א"כ נהי שאנו יודעין שהערוך השלחן הי' גדול הדור וצדיק עכ"ז הלא קיי"ל דהלכה כב"ה כיון דרבים נינהו אף דב"ש

# הערה להצוואת הס"ח סי' נ"ו

הוי תריפא טפי מטעם יחיד ורבים הלכה כרבים ע"כ עפ"י התורה א"א לפסוק כהערוך השולחן בזה כיון שכל הפוסקים הנ"ל הביא דברי המחצה"ש בהלכותיהן א"כ בודאי הלכה כמחצה"ש בזה דהבלורית הוי חציצה בודאי גם לענין תפילין מלבד האיסור של הבלורית וכדברי תשובות הר"ן הנ"ל שצריכים להחמיר אפי' כפוסק אחד מכש"כ כאן שהרבה פוסקים מחמירים בזה הן לענין הבלורית והן לענין התפילין בודאי הלכה כמותם כיון דרבים נינהו וע"ז כתב רבינו ר' יהודה החסיד בצוואותיו סי' נ"ו לא יגדל אדם בלורית כי הוא עון פלילי עכ"ל יען כי בזה הוא מחלל שם שמים ברבים ובפרט אם הוא איש בן תורה ואיש חשוב שהכל מסתכלין על מעשיו מחלל בודאי שם קדושת אלקינו ית"ש ונקרא מחלל שם שמים ברבים וכתב בס' יראים לרבינו ר' אליעזר ממיץ ז"ל וז"ל במצוה ר' את ה' אלקיך תירא ותן כבוד לשמו ושמור מחללו דכתיב בפ' אמור ולא תחללו את שם קדשי ומקרא זה נוקב ויורד עד התהום ועל לאו זה ידוו הדווים כי חילול השם ישנו בכמה דברים ואין להם שיעור שכל המבזה אפי מצוה אחת ומקיל מה בכבוד שמים נקרא מחלל השם עכ"ל ספר יראים וא"כ אותם המגדלים בלורית ובפרט אם הם אנשים בני תורה וחשובים הלא הם מחללין השם ברבים וגדול עונם מנשא ומכש"כ בעיר אלקינו ירושלים עיר קדשנו בודאי הוא חילול השם גדול אשר ודאי גם ע"ז נאמר מי ביקש זאת מידכם רמוס חצרי לחלל את שמי הגדול בהבלורית שלכם אשר הם עשויים לנוי וליופי אשר הוא אסור לגדולי הפוסקים הנ"ל ע"כ למען השם ולמען השם כל מי שיראת ה' ית"ש נגע מעט בלבבו יסיר ממנו השרץ הטמא הזה העון הגדול הזה של הבלורית כתשובות הר"ן הנ"ל ולא יתחלל שם שמים על ידו כי כל דבר שהוא נגד התוה"ק אין לך דבר מאום ושיקוץ מזה ולכל השומע יונעם ולא יאונה לו כל רע ח"ו ותבא עליו ברכת טוב בזכות הקידוש השם וכבוד שמים אשר יסיר הבלורית מעליו יתקדש שם שמים ע"י שיקיים שאל אביך ויגדך זקניך ויאמר לך וע"י יתקדש גם כבודו בזה ובבא ובכל אשר יפנה יצליח אמן ואמן:

נאם הק' **יהושע אלטר ווילדמאן** אבד"ק **קאנסקיוואלי**, ואבד"ק **ביליראדקי**, ואבד"ק **ווישנייץ**, ואבד"ק **פאפאווי** סמוך לראדזמין, ואבד"ק **מיזאטש** סמוך לראוונא ואבד"ק **קאבער ודזיקיוויץ** סמוך לפלינצק,

ודמו"צ בק"ק **גאמבין**, ובק"ק **קאזאנגעהארדאק** סמוך לפינסק.

וכעת תושב"ק **ירושלים** עה"ק תובב"א

בעהמ"ח ספר בנין יהושע, עסק יהושע אחרון, שער הטהרה, ברכת יהושע, ואמרו אמן ב' חלקים, תורת החסידים הראשונים.

ואסיים בכי טוב לעורר אחב"י בדין המפורש בש"ע בהמחבר או"ח
והעולה לא יקרא בקול רם ומ"מ צריך הוא לקרות עם הש"ץ כדי שלא תהא „ברכתו לבטלה" סי' קמ"א סעי"ב וז"ל
אלא שצריך לקרות בנחת שלא ישמיע לאזניו עכ"ל המחבר והגי' עליו הרמ"א וז"ל ואפי'
משמיע לאזניו ליכא למיחוש עכ"ל.

והלבוש בסי' מ"א סע"ב השמיט לגמרי דברי המחבר האלו במש"כ שצריך שלא ישמיע
לאזניו, רק מסתם סתם כהרמ"א וכתב וז"ל ומ"מ גם העולה קורא בלחש עם הש"ץ כדי שלא
תהא „ברכתו לבטלה" מ"מ יכול להשמיע לאזניו עכ"ל, ופסק להדיא כהרמ"א ז"ל דיכול
להשמיע לאזניו.

וכ"פ התוס' פ"ק דב"ב ט"ו ד"ה שמונה הובא דבריהם בב"י שם וכן פסק בד"מ והפרישה
והחידושי מהרל"ח בהגהותיו על הטור וכ"פ המ"ב שם סק"י וכ"פ בספר כף החיים שם באריכות
וססיק שם וכן ראוי לעשות שלא יהא „ברכתן לבטלה" וכן כתבו כל האחרונים עכ"ל הכף
החיים ומה שהקשו ע"ז ממה דקי"ל שומע כעונה פי' בחידושי מהרל"ח שם בהגהותיו על הטור
שהביא שם תירוץ מספיק עכ"ל דכאן לא שייך לומר שומע כעונה יעו"ש. וכתבתי זאת לזכות
את הרבים שלא תהי' ברכתם לבטלה ח"ו יען ראיתי שהרבה אנשים נכשלים בזה, וע"כ ראוי
ליזהר הרבה מאד במקום שהנוהגים שהש"ץ לבד קורא המפטיר מן הנביאים העשוים בגלילה
והעם שומעים שעכ"פ העולה למפטיר מחויב לקרות בלחש עם הש"ץ ההפטרה שלא יהא
ברכותיו לבטלה ח"ו ולהשומע יונעם ועליו תבא ברכת טוב.